STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10346

TSU DIR

Mashe Shtuker-Payuk

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאַשע שטוקער פּאַיוק

צו דיר

צייכענונג: יעקב וואָלבערג

מ. ש. פאַירק

צו דיר

לידער און דערציילונגען

★

בועגאָס איירעס
1966

דרוקעריַי ברידער זלאָטאָפּיאָראָ — סאַן לויס 3149 — בוענאָס־איַירעס

ב ר ו כ ן

מײַן פֿאַר דער צײַט

פֿ אַ ר ש נ י ט ע נ ע ם

ל ע ב נ ס ־ ח ב ר

צו דיר

צו דיר איז דער שיר, און צו אַלע „צו דיר'ן"
וואָס זענען פֿון זייערע זיווגים אַוועק.
די זייטלעך דאָ, זענען נישט פֿון „אויך פּאַפּירן" —
ס'איז פּיינפֿולער פּאַרמעט: ווייַנעכט און ווייטעג.

געטונקען די פֿעדער אין האַרץ און געהירן,
געכתיבה'טע אותיות, אַן הויך פֿון אַ פֿלעק;
געטובלט זיך פֿאַר יעדער פֿעדער־באַרירונג
אין מקוה־יסורים, ביז איבערן ברעג.

דאָ, וועלן שוין קיין מאָל פֿאַרטריקנט נישט ווערן
די זידיקע שורות, מעת־לעתיקע טרערן,
וואָס פֿליסן אַן אויפֿהער פֿון אות צו אות,

פֿון יעדן וואָרט וועט מען דערזען און דערהערן:
אויף — דאָ און דאָרט — צווייען צעשפּאָלטן די ספֿערן
אַזוי ווי אַ דימענט שניידט איבער אַ גלאָז.

בוים פון כל-טוב

— דער אמת קען זיין אַזוי שיין ווי אַ טרוים,
איך וועל אייך דערציילן פֿון מיין ברוך-בוים...

דעם נאָמען ברוך: געבענטשט, אויף עברית, —
ט'געטראָגן אַ מענטש — אַן ערלעכער ייִד,
וואָס האָט מיט זיין מי, אַ זים-היים אויפֿגעבויט,
מיט צוטרוי און גלויבן, די בליקן צעבלויט —
צום מאָרגן געשפרייזט מיט אַ מונטערן פנים;
אַ מענטש וואָס געבוירן איז צום געבענטשטן נאָמען —

מיט האָפֿענונג אין הארצן און גוטן געמיט
פֿלעגט העלפֿן איעדן, אין נויט — גאָט באַהיט! —
קיין סימן פֿון קינאה קיינמאָל נישט צו קיינעם.
האָבן געגאַפֿט, גוטע פֿריינט, אַלע שכנים,
—וואָס בעסער — אַלץ גרעסער געראָט זיי די ברכה:
— ווי שיין איז דער בוים ביי דער ברוך-משפחה!...

אין מיט פֿון דער רוישיק צערעדלטער וועלט
פֿון מינים מאַשינען — ווּ קיינעם געפֿעלט
דאָס אייגענע שפינען — אַלץ וואָס מען פֿאַרמאָגט,
אַזוי ווי פֿון זינען — מען לויפֿט און מען יאָגט
זיך ערגעץ, נאָך עפעס, מ'וויל „וויים איך וואָס",
אָט, ווייזט זיך אוים: — יענץ! און אָט דוכט זיך אוים: דאָס!

ווּ איינע די אַנדערע שטויסן זיך, שפּאַרן
און שטופּן אַריין זיך אין אַלע געפֿאַרן —

— עס פּרוּוון די מענטשן פֿונסניי נאָכאַנאַנד און
אַריבער די ימים, יבשות מען וואַנדערט —

אין פלי נאָך אַ ניים, מיילנווייז מאַכן דורך
פֿון אַלץ וואָס פֿאַראַנען: — אַ שמעק! אַ פֿאַרזוך!
פֿון דאָרט און פֿון דאַנען: — אַ לעק און אַ פרוּוו,
— מיר מוזן געפֿינען! דעם בוים פֿון „כל־טוב!"

אין מיטן האַרמידער און הפֿקר־געיעג
איז רויִק געשטאַנען דער מענטש און געפֿלעגט
זיין בוים, און די קראַפֿטיקע צווייגן געהויבן
מיט פּירות זיס־זאַפֿטיקע — פֿולע מיט גלויבן,
פֿאַרטיפֿט האָט די וואָרצלען אין ערלעכער ערד
און ווער ס'האָט באַגערט האָט זיין פֿליסטער דערהערט:

— דער בוים פֿון כל־טוב? אָט, איך — האָב אים איינגאַנצן,
עס קען יעדער איינער, ביי זיך אים פֿאַרפֿלאַנצן!
ווער ס'וועט אין פֿרימאָרגן געטריי אים באַגיסן
דער וועט פֿון די פֿרוכטן די פֿיינסטע געניסן...

דערביי האָט זיין שמייכל באַשיינט מילד און קלוג:
— אָט, זעט איר דאָך: וויפֿל פֿאַראַן — איז גענוג!
וואָס כ'האָב אים געגעבן — דער בוים גיט צוריק
אַזוייפֿיל מאָל לעבן — גערעטעניש פֿון גליק...

— צעבלעטערט זיך, בליט אַלע זמנים דער טרוים:
— אויף דורות די פּירות פֿון מיין ברוך־בוים!

קפיצת החיים

קינדער: דאָס זענען נישט „נאָך אַ בוך לידער",
אַ בלעטער, אַ לייען און אַ לייג אַוועק.
דאָס זענען די אָדערן פֿון מיינע גלידער
זיי ציִען זיך אוים ביזן אַנדערן ברעג...

מיין ליבשאַפֿט, מיין בענקשאַפֿט אין זיי גים איך איבער
דאָס בלויט-לויף פֿון אונדזער בשותּפֿותן וועג.
ס'געזאַנג — איז געוויין איצט; כ'ווער מידער און מידער
צו שלעפּן דאָס אַש פֿון פֿאַרלאָשענע טעג.

גייט נאָך טאַטנס ערלעכן וועג. זוניק-זאַטן,
מיט פּשוטער אַכצענער פֿרייד אויסגעשטאַטן
ווו ס'איז אונדזער קפֿיצת החיים אַדורך.

געווען איז ער שטאָלץ מיט אייך „אונדזערע יאַטן"...
אַז איך וועל אַריבער די גרענעץ צום טאַטן
וועט איר אונדז געפֿינען צוריק אין דעם בוך.

מיין בערגלמאַן

ס׳אַ מיטלייד עס שווימט צו מיר פֿון אַלע בליקן,
רייד, קושן, אומאַרמונג: יסורים — אַ ים!
עס לאָזט זיך דער פּחד שוין מער ניט דערשטיקן
אין בערגיקן אַנבליק פֿון מיין בערגלמאַן.

מלוים: למאי מרעיש עולם דעריבער?
אויף תמיד פֿאַרבלייבט ער דאָך מיין בערגלמאַן!
באַשר, איר ווייסט ניט ווי טייערער, ליבער,
ער ווערט מיר מיט מיין יעדן אָטעם און שפּאַן.

איך האָב שוין ניט מער — רק רפואות אינזיינען,
פֿאַר אים איז שוין איצט קיין סכנה פֿאַראַן
און כ׳ווייס, איך בין זיכער — איך וועל אים געפֿינען
צו יעטווידער רגע דאָ — מיין בערגלמאַן.

און אַנווייזן וועל איך צו דעם און צו יענעם,
וואָס וועט דאָ פֿאַרבלאָנקען דורכוועגן און דורכוואַן —
איך וועל יעדן נייעם באַקאַנטן באַקענען
אַ שטאָלצע אים פֿאַרשטעלן: — „מיין בערגלמאַן!״

דיין טלית

איך גלעט אוים דיין סאַמעטן שוואַרץ טלית־זעקל
וואָס איז נאָך, ווי דעמאָלט, אַזוי יונג און גלאַט;
ווען מירביידע זענען אַ זיווג געוואָרן
אין מיטן מגן־דוד דאָס יאָר ה׳תרצ״ד.

מיט בלייערליב האָסטו די אותיות געצייכנט
און איך — מיט ליבפּעדים האָב זיי אויסגענייט,
אַז לאָגלען מיט ליבשאַפֿט פֿול זאָלן באַגלייטן
אַ לעבן־לאַנג אונדזער גאַנג: חתן־כלה־פֿרייד.

איצט קוקט אויף מיר אָפֿן דאָס ליידיקע זעקל
און הילפֿלאָז אַ פֿינצטערן פֿליגל צעשפּרייט:
„געדענקסט ווי ס׳האָט אויסגעפּילט מיך דיין מתנה?
איצט האָט מען אונדז ביידן פֿאַנאַנדערגעשיידט״...

אין מיין טלית טהור פֿון טרוימען און תפֿילה
קלאָר כלה־געוועב איינגעהילט האָט מען דיר.
אַ שוואַרץ זעקל — ליידיק. פֿול ווייטיק אויף אייביק
איך פֿיר פֿון בית־עולם — מיין חלק פֿאַר מיר.

ק ד י ש

יאָ, ברוכקע, דו ביסט געווען גערעכט:
„מיר לאָזן דאָ איבער די שטאַרקסטע ירושה”...
שוין וויפל מעת-לעתן זינט דו ביסט אַוועק
און ס׳ווייקט זיך דער וויטיק ביי אונדז אין קדושה.

אַ פולע שטוב ייִדן, מ׳דאַוונט מיט אמונה.
כ׳זע זיידעס, און טאַטעס, גאָר יונגיקע אויך
אונדזער מעזיניקלס חברים ביים מנין
בר-מצוה בחורימלעך — שמאָל און הויך.

דערהער איך — אַז אונדזערע זין זאָגן קדיש —
די זידיקע זילבן, בונד אין אייביקייט;
אין פייערטאָן טריפן פון אונדזער טרויער-טריִאָ.
אויך דו, הערסט זיך צו פון יענוועלטישער זייט.

אויף טרויער-ווענט, אונדזערע, שפריצן די פסוקים:
„— יתגדל ויתקדש שמו רבא”!
די ליכט שאָקלען זיך. פייער זיפן די ליפן:
דו, ראש המשפחה, ביסט דאָ! דו ביסט דאָ!

טרייסט

פרווט קיינער מיך נישט איבערצייגן,
מיט טרייסטרייד פֿאַרשטאָפּן דעם שפּאַלט.
ובכן, לאָמיר זיצן און שווייגן;
בשתיקא גייט אויף זיין געשטאַלט.

דערמאָנט נישט דאָס שטעכיק וואָרט! רעדט נישט!
דערוועקט נישט דעם סופּיקן שניט!
— וואָס טוט זיך מיט אייך? צי איר זעט נישט?
איר — שטעכט אים דורך ווידער דערמיט.

פֿאַרשטעקט אין די שיידן די שפּיזן!
און הערט זיך צו, זעט ווי פֿאַרשטילט
ער דרייט זיך אַרום ברמיזא
אין מיינע מחשבות געהילט.

וואָס האַלט איר מיך אין איין דערמאָנען
מיט בליקן און רייד — וואָס איך ווייס?
אַז איך וועל שוין נישט זען מער זיין פּנים,
נישט הערן זיין קול — כולו־טרייסט...

טרויערברויט

עס גייט שוין דאָס ברויט
ניט אַראָפּ פֿון מיין טיש;
צו יעדער צייט איז עס
היים — קנאַקעדיק פֿריש,
ווי נאָר וואָס פֿון פֿייער אַרויס.
אין אויוון מיינעם
די ברעניקע שייטלעך גייען נישט אויס.

קומען קרובים, חברים און גוטע פריינד.
מ׳גייט און מ׳קומט מיר
מנחם אָבל זיין.

מ׳שטעלט זיך אַרום
און מ׳זעצט זיך אויס
אַרום מיין פֿולברויטיקן טיש.

טייל איך איין יעדן אַ פּעניץ, אַ קריש,
און ווען אַ לאַבן
אין הארץ שטופּ אַריין
ווי איינער איז מסוגל
מקבל צו זיין...
און וויפֿל איך טייל אויס
אַלץ כפלט זיך מער מיין טרויערברויט
וואָס ס׳האָט פאַרקנאָטן,
טייוולאָניש גערעטן,
איינמאָל פאַר אַלעמאָל — בעקערטויט.

נאָך שבעה

כ׳האָב מורא אַרויסגיין אין דרויסן אין קלאָרן;
די זון וועט מיין מראה דערזען, און אַריין
אין פֿלאַם-פֿייער שפּראָציק-טראָציקן צאָרן:
— אַוועק מיט דיין פֿלעק פֿון מיין ליכטיקער שיין!

און אירע פאַרשווענדעריש היציקע שטראַלן
מיט רייציקע ריטער מיין לייב טאָן אַ ברי,
ס׳וועט מיך איר צעלאָזענע באַנדע באַפֿאַלן
מיט גאָלדיק געלעכטער: „די פיינפלאַכטע! זי!...

דער שיינער טאָג אין מיינע אויגן וועט שטעכן:
— אַ שאָטן ביסטו אויף מיין בלוי בילד און ראַם!
פֿריש, דורכזיכטיק לופֿט וועט מיר איבלען צום ברעכן
און פֿאַלן דער טוי אויף מיין גומען ווי סם...

כ׳וועל בעסער אַרויסגיין אין פֿינצטערן אָוונט
די נאַכט וועט אַן אייגענע שוועסטער מיר זיין;
אַריינגעמען, צוטוליען מיך אַזוי נאָנט,
ביז — איך וועל אינגאַנצן אין נאַכט-האַרץ אַריין.

פאַרוואָס?

— ניין! לערער, נישט שיין!
אויב איך האָב געטאָן
אַ זאַך וואָס מ׳טאָר נישט —
לאָז מיך אין ווינקעלע שטיין!

און
אַלע זאָלן לאַכן,
פֿון מיר חוזק מאַכן,
ביז איך וועל זיך מודה זיין:
— „כ׳טו דאָס נישט מיין!...

און —
אויב ס׳איז אַפֿילו
נאָך גרעסער מיין זינד?
געוועזן בין אַ שלעכטער,
דאָס ערגסטע קינד —
לאָז מיך נישט אַרויס
אויף דער פּויזע אינדרויסן.

און ווען איך וועל זען
אַלע קינדער זיך שפּילן —
ווי מיאוס און ווי גרויס איז
מיין חטא — וועל דערפילן.
אין חדר פאַרשפּאַרט
וועל איך אייניקער אַליין
דאָס שלעכטס אָראָפּטרייסלען
אין חרטה־געוויין...

נאָר דו —
אָבער דו
ערשטער לערער פֿון לערער!
וואָס פֿון אַלע זאַכן
ביזט זעער און הערער
און פֿון אַלע גוטע
געבאָטן דערקלערער.

פֿאַרוואָס?
פֿאַרוואָס האָסטו היינט מיך
נאָך מערער
נאָך שווערער
פֿון אַלע פֿאַרשעמיקע
שטראָפֿן באַשטראָפֿט?
דיין פסק־דין
צעקלעמט מיך!
אַ שטראָף
אָן אַ סוף!...

תחית האַב

נ י אַ מ ע ל ע

צו די שלושים פון דיין טאַטן

מעזיניקל מיינס:

דיך האָט דער אומגליק געטראָפן אינדערמיט —
פאַר דיינע אַנהייב־יינגלשע טריט.
ביסט נאָך ניט קיין בחור און שוין ניט קיין קינד —
געבליבן אַזוי ווי אינדערלופטן אַצינד...

געגאַן ביסט מיט אים, אויף זיין דרך צעזאַם,
דו האָסט זיך געטוליעט אַרום טאַטע־שטאַם
מיט ליבשאַפט, פאַרערונג, — אַ יונג קלעטער־פלאַנץ:
ער האָט דיך באַקרוינט. דו — האָסט אים באַקראַנצט...

האָט פלוצים, אַ שריפה, אויף דיין טאַטעבוים,
נאָך איידער, מ'האָט זיך אַרומגעקוקט קוים —
אין פינצטערן פלאַקער, פאַנאַנדערגעברענט,
אַרויסגעריסן אים — פון דיינע הענט — — — .

געבליבן ביסטו אינדערלופטן, היןהער,
דו וואַקלסט זיך, ווונדערסט זיך: — ווו ווער?
פון וועמען? פונוואַנען? און — וואַהין???
דו — יינגסטער יתומל פון מיינע זין.

ניאַמעלע — וויקל זיך מער אַרום מיר!
איך — וועל זיך געדיכטער באַקראַנצן מיט דיר.
ס'וועט טאַטעבוים שטייגן מיט צווייגן אין אין־סוף
אין אייך, מיינע קינדערלעך — תחית־האַב!...

שאַרפֿע רייד...

אַז דו ביסט געשט... אוי! ווי איך קען נישט פֿאַרליידן
ווי ס׳ריידן דאָ אַלע, און נישט איך פֿאַרשטיי
די שאַרפֿע רייד, זייערע, ס׳האַרץ מיר צעשניידן
און כ׳קריג נאָך דערביי אַ רחמנות אויף זיי...

„אוי, נעבעך, די מענטשן, ס׳אַ טויבע זיי זענען!
און בלינד פֿאַר אַ צולאָג. — וואָס איז זיי געשען?
נישט קענען אַפֿילו איין וואָרט דיינס פֿאַרנעמען?
אַ שמייכל, אַ תנועה, נישט קענען דערזען?..״

עס טרעפֿט זיך, דער פחד אויף מיר אויך צעבליצט ער:
איך זוך דיך, איך רוף דיך, איך ציטער, ווער בלאַס.
דערמאָן איך זיך פּלוצים: אין שטוב ביסטו איצטער! —
און — בין איך אין שטוב. ביסטו ווו אין אַ גאַס...

איך ווייס, אַז מיר זענען צעשיידט אויף אַ ווײַלע
איך גאַר און איך וואַרט אויף דער ווײַלע-פֿאַרגאַנג —
דערהער איך דיין וואָרנונג: — „דו — דאַרפֿסט זיך נישט איילן!
כ׳וועל דיך נישט פֿאַרבייטן! כ׳וועל וואַרטן ווי לאַנג...״

מיין חוב

ווי אייזערנע צוואַנגען, מיך קלעמען און דריקן
די ווערטער, וואָס כ׳האָב דיר אין צייט נישט געזאָגט.
אויף וואָר און אין חלום, ביינאַכט און בייטאָג —
ווי גלייִקע קוילן זיי בריִען מיך, שטיקן.

ווען איך וואָלט זיי קענען צו דיר איבערשיקן,
די ווערטער פֿון ליבשאַפֿט און לויב, וואָס איך טראָג;
וואָלט אפֿשר דער באַנג מיך אַזוי נישט גענאָגט
און איך וואָלט געפֿונען אַ טראָפּן טרייסט תיקון.

נאָר, כ׳ווייס, כ׳וועל שוין מער דיר נישט קענען זיי זאָגן,
און איך וועל די גלייִקע צוואַנגען דערטראָגן,
די טאָרטור-יסורים — שוין ביז סוף וועל איך.

אַז אומקערן כ׳וועל זיך פֿון חיה-שעה — ראָגן,
אין לעצטן מהלך וועל איך דיר אָניאָגן
מיין שולדיקן חוב דיר אָפּברענגען — מיט זיך!..

זאָרגן

ווּ זענען זיי, איצט, אַלע זאָרגן!
— ס׳האָט יעדע פֿון זיי זיך געגרויסט,
געוואָלט זיך צעשפּרייטן, פֿאַרנעמען
אַ גרעסערן אָרט אין מיין הויז.

מיט גדלות אין פּנים געשפּרונגען:
— „אַפֿריִער בין איך! דו — הער מיך!
פֿאַר מיר מוזטו זאָרגן, באַזאָרגן
די גרעסטע! די הויפּטזאָרג בין איך...״

זיי זענען פֿונאַנדערגעוואָקסן,
געמערט פֿון מינוט צו מינוט
זיי האָבן פֿאַרמאַטערט מיין מח
געשטראָמט און געמאָנט:
— ס׳איז נישט גוט!

עס האָט זיך מיר רק אויסגעוויזן
זיי וועלן צעשפּאַרן די ווענט. —
ווּ זענען זיי איצט? זיך צעלאָפֿן?
פֿאַר זיך אַליין פּלוצים פֿאַרשעמט?

דערזען זיך ווי קליין און ווי נישטיק
ווי מילבן זיי ליגן פֿאַרשטעקט;
עס האָט זיי דער העלפֿאַנט מיין אומגליק
מיט איין שוואַרצן אויער פֿאַרדעקט...

דיין אָרון

ווי גרינג ביסט געווען מיר ביים לעבן!
ס'האָט גליק און געזאַנג נישט קיין וואָג!
ווי ווייך דיינע טריט פּלעגן שוועבן
האָסט קיינמאָל קיין הארב וואָרט געזאָגט.

האָסט מוט-איינשפּריצן מיר געגעבן,
פאַרמינערט מיין פיינלעכסטע פּלאָג
אין צייט ביסט דערשינען דערנעבן
און אַלע סכנות פאַריאָגט.

ווי גרינג ביסט געוועזן מיר פריִער,
מיין חשכות פלעגסטו ארויסציִען
מיט קנויטן פון ליבשאַפט — דיין ליכט.

איצט ברעכן זיך איין מיינע קניִען
ווי שווער איז דיין משאה צו ציִען
איצט, טראָג איך דיין אָרון אויף זיך...

דיין בילד

איך קוק אויף דיין בילד און איך בין דיר מקנא.
איך ווייס, וועסט מיך מוסרן: „קנאה ז'ניט שיין!"
נאָר, מעגסט דאָך מיר זאָגן, פֿונוואַנען עס שטאַמען
אַזעלכע גרוילגראַמען פֿון שיין מיט געוויין?

איך קוק אויף דיין בילד — דיין בליק אַ צעבלויטער
אַזוי ווי געוועזן — נישט געמינערט דיין חן,
און מיינע אויגן ווערן רויטער און רויטער
מיין הויט דורכגעצויגן מיט אָדערס געוויין.

דו, בעל־המדות! שומח בחלקו
ימים מיט גוטסקייט! הימלען מיט ליכט!
פֿון דורשט דיינע בלומען אין בלוט מיינס פֿאַרוועלקן
דעם סוד פֿון דיין קוואַל האָסט פֿאַרנומען מיט זיך.

קוק איך אויף דיין בילד, האָסט מזל, מיין באַגלייטער,
דו האָסט זיך פֿאַרפֿריט מיט דיין גאַנג און מיין קלאָג.
דיין פּנים בלייבט לויטער, דיין שמייכל אַ ברייטער
און איך איינגעקנוילטער — פֿון טאָג צו טאָג.

בוים פון ליבשאַפט

דאָס האַרץ וועט נישט זאָגן קיין ליגן,
דאָס האַרץ איז דער אמת אַליין!
פֿאַרנעם איך איר ריטמישן ניגון:
— „פֿאַר מיר איז נישטאָ קיין פֿאַרגיין!..

„די וואָרצלען פֿון ליבשאַפֿט — זיי ליגן
פאַרטיפט אין מיר — אַף על פי כן;
און בלעטער אויף צווייגן זיך וויגן
אין שטענדיקן שפּראָציקן חן.

„דו גלייב נישט דער וואָר־מכשפֿה, פֿאַרדעק איר!
פֿאַרוויי אירע וואָרצללאָזע ווערטער פֿון שקר
לְעֵת דין ולְעֵת דין? נישטאָ אַזאַ האַק!

עס קאָן נישט געמאָלט זיין אַזאַ הפֿקר־העקער
וואָס זאָל זיך פֿאַרמעסטן אויף נעסטן־צעוועקער;
אויף בוים פֿון ליבשאַפֿט
נישט חל איז דער פסק!

מײַנע זוניקע זין

יונתן, אורין און ניאָמען

די שוואַרצע בענדער, אַרום די אָרעמס
פֿון מײַנע געטרײַע, דרײַ זוניקע זין,
זײַנען דרײַ שטײפֿע, שטאָלענע רײפֿן
אַרום מײַן לװיזן פֿאַראָבלטן גוף.
מײַן בינטעלע גלידער, האַלטן זײ אױף
ס'זאָל זיך נישט צעשיטן;
צעטרײסלט געבײן
עס זאָל זיך אין העלישן
פֿלאַם פֿון מײַן הײם
מײַן האַרץ נישט צעגײן
זײ מונטערן מיך נאָכאַנאַנד:
— איך בין אין מײַן צער נישט אַלײן!

און װאָג איך אין דרױסן אַרױס — אַ טראָט
טוען די הױכן אַ װאַקל זיך, — אָט
װעט זיך אױסלעשן די לעבעדיקע שײַן. —
שנײַדן זײ זיך אײַן,
די דרײַ טרױער־בױגנס, אין חלל אַרײַן
פֿון האָריזאָנט ביז האָריזאָנט,
פֿון אונטן אַרױף, פֿון אױבן אַראָפּ,
עס זאָל נישט דער הימל
טון אַ פֿאַל אױף מײַן קאָפּ...

טעכטערלעך

לאהלען און אסתרקען

טייערע טעכטערלעך, מיינע צוויי שניר:
— פֿאַרוואָס זענט אירביידע אַזוי גוט צו מיר?
ווי כ׳וואָלט אויסגעטראָגן אין פֿריידיקן ווײ
אין מיין אינגעווייד און אין אויסלייז־געשריי
געבוירן אייך ביידן — מיין בשר, מיין בלוט:
— פֿאַרוואָס זענט איר ביידע צו מיר אַזוי גוט?

פֿאַרוואָס זאָל איך זיין אַזאַ בעלת־הזכות?
פֿאַרוואָס קומט מיר דאָפּלט חלקים געננום?
— איינגאַנצן פֿאַר מיר אַליין נאָר — ס׳געוואָד
און וווּ איז דער יושר? און ס׳הייליק געבאָט —
„כיבוד אָב ואם". — פֿאַר ביידן באַגלייך?
און איך בין סיי טאַטע, סיי מאַמע פֿאַר אייך...

איך בין מאַמע־שוויגער און אויך טאַטע־שווער. —
איר וויקלט אַרום מיך מיט ליבשאַפֿט אַלץ מער —
די אָפֿענע וווּנדן, אַרום און אַרום,
דורכבויערנדיקן בריל — רגע־ווייז איר פֿאַרשטומט
איינאיינעם מיט מיינע דריי זוניקע זין,
איר מילדערט די שטראָף פֿון גזר־דין...

איר אויך?

איר אויך, קינדער מיינע? אינמיטן
פֿון אייער צעבלויט אינדערפֿרי
אין אָנהייב פֿון פֿרילינג צעבליטן
פֿאַרדושן דאַרפֿט איר אייער בלי.

פֿאַריתומטע שפּרייזן און שיטן
אַש הויפֿנס אויף יוגנט צעגלי,
ס׳געלעכטער צולעשן, די טריט, און
אין האַרץ טוט מיר טיפֿער אַ ברי:

— ווײַ! — ווער לויפֿט מיר נאָך צענער יאָרן?
ווי איר — כ׳האָב מײַן מאַמע פֿאַרלאָרן
מײַן בליצייט מיט טרויער פֿאַרדעקט

מײַן טרייעסטער טרייסטער געוואָרן
איז דאַן אייער טאַטע. — דערפֿאַרן
אויף פֿריידפֿול מיר זענען האַלבוועג...

די חתונה

— — טאַטע פֿון חתן — צווײ װאָכן געציילטע
פֿון דײַן העכסטן טאַטעטאָג דיר אָפּגעטײלט. — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

פֿון גנאָדיקסטן חסד און גרױליקסטן גזר,
פֿון ששון ושמחה — פֿאַרצערנדיקן צער,
פֿאַרשפּונען פֿון פֿעדימער פֿינצטער און קלאָר —
געװען איז די חתונה פֿון אונדזער בכור.

אַרום חתן־כלה — שמים באַשערטע,
דער חזן פֿאַרניגונט די הײליקסטע װערטער,
האָבן די פּסוקים געגלעט און געשניטן
דײַן פּוסטן פּלאַץ, אונטער דער חופּה — אינמיטן.

אַזױפֿיל טרײסט־בליקן פֿאַר חופּה באַציר!?
אין אַלעמענס שפּאַנונג — דײַן אָטעם דערשפּירט;
אין יעדנס באַהאַלטן פֿאַרשטיקטן געװײן
דערהערט כ'האָב דײַן אױסגעשרײ:
— „מזל־טוב! אָמן!!!"

— באַלד האָבן די געסט מיר געטראָגן אַקעגן
דאָפּל װוּנטשן און קושן פֿאַר מיר און — דײַנעטװעגן —
דערבײ זיך מיט װאָרט װוּנדבאַריר אױסגעהיט,
באַװעגט זיך װי איבער אַן אָפּגרונט געניט. — —

עס זענען מחותנים געקומען, פֿאַרגרייטע,
מיט פֿריידיקע אָנשטעל־פֿאַרסטריגעס פֿאַרנייט דעם
געוואַלד־ריס, מיט פֿאַרזיכטיק פֿילבאַרע הענט
נאָר, ס'האָט זיך מיין שימחה־לבוש אויפֿגעטרענט — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— טאַטע פֿון חתן, צוויי וואָכן געציילט
פֿון דיין העכסטן טאַטעטאָג דיר אָפּגעטיילט,
פֿון דיין ברכה־באַרג האָסט דערזען שוין די שיין;
— אין לאַנד פֿון דיין חלום — ביסטו נישט אריין...

טאַטעטריט...

זיי מוחל מיר, קינד מיינס, כלה פֿון בכור,
למאי כ'האָב פֿאַרשאָטנט דיין חתונה־קלייד;
פֿאַרטונקלט דיין ווייס אויסגעחלומטע וואָר,
דיין שיר־הלב, אָן די כלי־זמר באַגלייט.

די שימחה, וואָלט עולה געווען הויך ביז גאָר,
אויף פֿידל און פֿלייט, אַלע סטרונעס פֿון פֿרייד;
און מיר —ביידע מאַמעס און טאַטעס אין פּאָר —
אין האַרצן, אַ גאַנצן אָרקעסטער געגרייט.

זאָל זיין ס'איז צופיל און צו פול, און דערפאַר
אַריין איז אין אייפּער פֿון „כי טוב" דער האַר,
פֿאַרכאַפּט אונדזער שימחה, געטאָן איר אַ שניט
און הינטער אַ וואַנט פֿון אבלות פֿאַרשפּאַרט — — — —
— מיין טראָט האָט געשטאַרט איינגעזונקען אין צער.
צו דער חופּה געפֿירט אייך — אויך מיט טאַטעריט...

אָדם קרוב לעצמו

די וועלט שטעלט מיר צו נאָכאַנאַנד
גרוילנייסן פֿאַרצאַפּלדיק פֿריש,
מיין וועלט איז מיין אייגענע היים:
מיין בעט און מיין בענקל, מיין טיש.

דאָרט שרפֿעט! ערדציטער! ווולקאַן!
ס׳האָט טויזנטער היימען פֿאַרברענט,
דאָ זוכט מען קרבנות אַרום
וואָס ס׳האָט אַ פֿאַרפֿלייצונג פֿאַרלענדט;

עס מבולען די פיינלעכע נייעס
אין מערצאָל, אין גרויסוועלט פֿאַרנעם. —
איך — באָד זיך אין מיין פיינבאַסיין
פֿאַרטרונקען ביז איבערן ברעם.

עס מערן זיך מער וואָס אַמאָל
מיינס גלייכן, מיין מין: אַלמנהשאַפֿט;
איך זיץ ביי מיין אייגן האַלבטיש
און זופּ זיך פֿון מיין טרויערנזאַפֿט.

איך ווייס מ׳וועט זאָגן, מיט רעכט:
עגאָיִסטיש, נישט עטיש, נישט שיין
עס זאָל אַ בת־אָדם, ווי איך,
נאָר פֿילן און זען זיך אַליין...

ס׳אַ פּעלדזיקער אמת פֿון לאַנג
„אָדם קרוב לעצמו״ עם הייסט
אַ שווימיקער ליגן איז נאָר
אַז ס׳איז — צרות רבים אַ טרייסט.

— היום הרם עולם! — און איך?
איך זיץ אין מיין בראָך איינדערמיט,
פֿאַרשטעקט אין מיין אייגענעם שפּאַלט.
איך נאָג נאָר דעם סאָק — פֿון מיין שניט...

פאַרזאָרגער

איצט האָב איך אַזויפיל פאַרזאָרגער — אוי וויי מיר.
פאַרנונפטיקע, קינפטיקע שייערן מען בויט,
עס זאָל זיך מיין האַלב-אָפּגעזעגענער חומר,
חלילה, נישט איינזעגן נאָך מער פון נויט.

און ס'פירט שוין אַריין ווער אַ קווינטעלע קאָרן
אַ בינטעלע גערשטן, אַ ווענעלע ווייץ...
נאָר ס'גאַנצע גערעטעניש גוטם גייט פאַרלאָרן.
ס'וואָלט ש״י מאָל ש״י שייערן סיי ווי פאַרפלייצט

אומזיסט טוט איר קערענדלעך — עצות אויסדרעשן.
דאָס פעלד מיינס אינגאַנצן דער פלאַקער ברענט דורך;
אַן איינציקן זאַנגענסנאָפּ כ'קען נישט אָפּלעשן,
נישט אָפּראַטעווען מיט מיין שטראָמיקן פליוך.

איר זאָלט זיין, פריינד מיינע, אַפילו מיליאָנען,
מיין חרובע נחלה אויף קויל אָפּגעברענט
וועלן אַלע אינאיינעם באַ'תבואהן נישט קאָנען
ווי בלויז איין פאָר, זיינע פאַרזייִקע הענט...

נ י ש ט אָ

נישטאָ מער דאָס קול וואָס זאָל מאָנען: „ביסט מיד?
נו, לאָז שוין די אַרבעט; נו, גיי לייג זיך צו!"
דאָס קול, וואָס גייט אויף פֿונעם איינציקן „דו",
וואָס פֿאַר יעדן מכשול פֿאַרלויפֿט און פֿאַרהיט.

נישטאָ מער דיין קול, נישט דיין בליק — ווי געניט
פֿאַרשטעפֿן מיט זיידרייד און בליקן פֿון רו
מיין מינדעסטן רים און אויספּרעסן פֿלעגסטו
אַ יעדן קנייטש פֿון מיין צעקנוידערט געמיט.

ווי שאַרף ס'איז געוועזן אַ וווּנד מיינס, — ווי גרויס
אַ טראָפּן געטריישאַפֿט, אַ טריף געטאָן בלויז
פֿאַרהיילט מיט דיין זאָרגפֿעליק זעלטענעם זאַלב.
נישטאָ מער, נישטאָ שוין — ס'האָפֿט און זאָפֿט אַ פּרוים
און פֿון די געוועבן דאָס לעבן רינט אויס:
פֿאַרפּלאָנטערט אין נעצן פֿון מידקייט
— איך פֿאַל.

ד י י ן   ר צ ו ן

כ׳טראָג אויף מיינע אויגן אַצינד דיינע ברילן,
און מיט דיינע בליקן באַקוק יעדע זאַך.
עס שפּראָצט אַרויס פֿון מיינע מעשים דיין ווילן,
פֿון מיינע באַשלוסן — דיין לאָגיק, דיין שפּראַך.

עס ציִען די טריט מיינע צו דיינע צילן,
נאָר דיין לעצטער ווונטש איז פֿאַרבליבן פֿאַרמאַכט.
— ווי זאָל איך אויפֿרייסן דעם סוד און אַנטהילן
דיין לעצטן געדאַנק וואָס דו האָסט נישט דערטראַכט?

מיט פֿיבערדיק׳ פֿינגער כ׳צעטעפּע מיין זינען:
ווי זאָל איך דעם ברעג פֿון דיין רצון געפֿינען?
דיין לעצטע בקשה צו קינדער צום ווייב?
אַזויפֿיל השערות מיין יאוש באַדינען;
דיינ׳ איבערגעריסענע פֿעדים דערשפּין איך
מיט הארץ און געהירן געוועב פֿון מיין לייב.

צעשפּאָלטן

ווער האָט אונדז דאָס גרעסטע גערעטעניש פֿאַרשאָלטן,
וואָס מיר האָבן צענדליקער יאָרן געזייט?
אַ שוואַרצער בליץ האָט מיך אויף צווייען צעשפּאָלטן
מיין גוף און נשמה — אויף טרויער און פֿרייד.

די זון רייסט אַרוים זיך פֿון פֿינצטערן קאָלטן,
און איבער די גאַסן זון־זריעה פֿאַרזייט.
צו אונדזערע קינדער איך פֿאָר איצט; — מיר וואָלטן
געפֿאָרן באַנאַנד, — האָט דער בליץ אונדז צעשיידט.

איז פֿאָר איך פֿאַר דיר און מיר, מיט עמערס צוויי
מיט דיינס און מיינס — נחת צו שעפּן פֿון זיי.
זיווגים געבענטשטע, און כ׳קום אָן אליין
זייער קבלת־מאַמע טרייסט מיך און טוט וויי,
אין די ליבשאַפּט־נעסטן, ווו איך שטיי און גיי:
איין האַלבמאַמע קוועלט אָן,
די אַנדערע — וויינט...

מיין מלך

ווּ ביסטו מיין מלך? דיין הויך הסב-בעט
מיט פוכיקער ליבשאַפּט אויסבעטן פּלעג איך
פאַרגרייטן דעם יום-טוב-טיש, בענטשן די ליכט,
ווּ ביסטו? איך וואַרט דאָך! ס'איז שוין אַזוי שפּעט!

איך מיש דיין הגדה, די בלעטער איך גלעט
צי אפשר פון פאַריקע סדרים האָט זיך
פאַרניגונט דיין קול, דיינס אַ שמייכל, אַ שטריך?
נאָר, צווישן די שורות — ווער הערט און ווער זעט?

און אונדזערעביידנס טאַטע-מאַמע, אויף די ווענט,
שטום קוקן אַראָפּ אין מיין חשכות, פאַרשעמט,
עס וואַגט נישט דער יום-טוב אַריין אין מיין הויז,
עס הייבן זיך נישט צו די ליכט מיינע הענט
מיין טרויערפלאַם אין אַלע אברים צעברענט:
— אוים מלך — אוים מלכה
אוים אַלצדינג — אוים — אוים — — —

טאַטע!

באַלד צוויי צענדליק יאָר שוין בצרור החיים,
אַראָפּ איז אויף מיר אויך דער גזר־השמים.
דיין גורל, דיין אומגליק האָט מיך נישט פֿאַרמיטן,
מיין צווייטהעלפֿט, ווי דיינע, פֿריצייטיק פֿאַרשניטן.

אַצינד לעב איך איבער וואָס דו, אינמיטן וועג דאָ,
בעת דו האָסט פֿאַרלאָרן דיין „עוזרת כנגדו"
און דו ביסט פֿאַרבליבן ווי איך אַצינדער
מיט מיינע פאַר׳צער׳טע פאריתומטע קינדער.

ווי איך האָב געטרויערט! ס׳איז גאָרנישט פֿאַראַנען
אַ גרעסערער צער ווי פֿאַרלירן אַ מאַמען.
נאָר איצט, אַז דיין בראָך איז שוין אויף מיינע ביינער
ערשט פֿיל איך אַז, דו ביסט געבליבן אַליינער...

די קינדער. אויף אייגענע פליינען, געפּאַרטע,
זיי שפּאַנען און שפּינען אוים קאַנוועס געקלאָרטע
זיי הייבן אָן זייערע היימען צו בויען
צו זיי גרינט דער פֿרילינג, די הימלען — צעבלויען;

אויף זיי וואַרט אַ פֿלאַמיקער, טעמיקער, זומער —
ווען ס׳וועלן די צייטיקע פּירות אויפֿקומען
און צאַרטינקע יאָדערלעך זיסע אויסשיילן
אַזוי ווי עס פֿירט זיך דער סדר העולם...

נאָר איך, אָן אַ זין, וואוהין זאָל איך ציִען?
מיין בוים איז אַנטקרוינט און ס'קען מער שוין נישט בליִען
מיין חלום פֿאַר מאָרגן אין נעפּל צערינט ער
פֿאָרויס זע איך בלויז האַרבסט־עלנט און ווינטער...

אָ, טאַטע! ווו נעם איך דיין פֿעסטונג פֿון גלויבן?
וואָס ס'האָט דיך דעמאָלט דערהאַלטן. דערהויבן.
פֿון צדק של מעלה דערזען כ'זאָל אַ רמז,
כ'זאָל קאָנען, ווי דו, זאָגן: „ברוך דין אמת".

„לאָז שלאָפֿן דיין מאַמען. זי — איז שוין דערווייטערט
פֿון עולם השקר אַרויס דורכגעלייטערט,
זי — איז שוין דעם פּיינפֿולן פּרוזדור אַריבער..."
באַוואָפֿן מיך מיט דיין אמונה
טאַטע־גיבור! ...

אַהיים

— „איך גיי אַהיים", „איך פֿאָר אַהיים" —
זאָג איך אַרוים, און ציטער־אויף פֿון סתירה:
— וואָס רוף איך נאָך מיין אויסגעפּוסטע דירה
מיט אָט דעם פּראָכטיק־פֿולן נאָמען: „היים"?

עס גליטשט זיך נאָך דאָס וואָרט אַרוים אַליין —
ס'איז פֿון רגילות, יאָרן לאַנגער שירה,
אַ לעצטער קלאַנג פֿון אַ געפּלאַצטער לירע
וואָס ניגונט נאָך אַ ווייל, ערב פֿאַרגיין.

איך זאָג — „אַהיים!" און ס'ברעכט זיך איין מיין קול,
ווי איך וואָלט זיך דערוואָרגן. מיטאַמאָל
בלייבט שטעקן אין מיין האַלדז אַ — קערנדקנויל:
— צי הייסט נאָך אַלץ אַ פּירה — פּוסטע שאָל?
צי אָנרופֿן מיין פּוסטעניש איך זאָל:
— אַ היים?
און איך בלייב שטיין, פֿאַרשטאַרט דאָס מויל...

מײַן מאָרגן

כ'האָב מורא פֿאַר מאָרגן, איך ציטער
צו שטעלן אַ שריט אויף אַ שטעג,
ס'איז הפֿקר דער וואַלד, אָן אַ היטער,
און פֿינצטערע ביימער — די טעג.

עס לויערט אַלץ שלויער, געניטער,
דער גזלן וואָס האָט זיך פֿאַרשטעקט,
און טאָמער אַ שמייכל ווען גיט ער
ווערט שטאַרקער די חשכות — מײַן שרעק.

מײַן מאָרגן — פֿאַרהאַנגענער שפּיגל,
איך זע אָרום מיר בלויז איצט-עיגול
און כ'שאַר זיך אין מײַן טרויער-זאַק
צעוואַקלט ווי נאָר וואָס פֿון וויגל
כ'האָב מורא, עס הענגט שוין פֿאַרזיגולט
אויף מאָרגן-בוים, מײַנעם, דער פּסק...

מאַיעסטעט לעבן

איך וועל דיר שוין קיינמאָל נישט קענען פֿאַרגעבן
דיין אומרחמנותדיק שפּלע טאַט,
פֿון נידעריקסטער מדרגה — פֿאַרראַט
אויף דיין הויכן טוגנדטראָן מאַיעסטעט-לעבן.

אַ מענטש, וואָס פֿלעגט תמיד מיט לויב דיך פֿאַרוועבן,
פון גלויבן און הויבן דיך קיינמאָל נישט זאַט
צו דיר אַזאַ בלינדן בטחון געהאַט,
אַז נישט דערזען האָט ער — דיין האַרץ שפּיז דערנעבן — —

מיך וועסטו מיט גלויבנדרויב מער נישט אָנלאָדן;
פֿון דיינע הבטחות צום בן- און בת-אָדם
דאָס גאַליקסטע גרעסטע געלעכטער איך לאַך

איך קייקל פֿון זיך אָפּ איצט דיינע חסדים,
ווי קניילכעלעך איבערגעפֿוילטע פּוי-פּאָדים
דיין יאָ און ניין איז שוין פֿאַר מיר,
הינו-הך . . .

אַלמנהשאַפט

מיט איינמאָל אַזוי אויסגעליידיקט!
ווי פוסט איז אַצינד אונדזער דירה.
מיר דריקן די פוסטקייט צום האַרצן
איך — מיינע. דו — דיינע. זי — אירע.

מיר טוליען אומהיילבאַרע קינדער
אין אונדזערע שויסן פאַרשעמטע.
עס טרעפט, עס געלינגט זיי פאַרוויגן
מיט טרויער־ניגונים פאַרקלעמטע.

אַ ווייַשמייכל ציטערט אויף ליפּן,
אונדז ווייזט זיך אוים: יאָ, זיי פאַרדרימלען
נאָר, פּלוצים, אַ ריס־אויף — יללות
צעטרייסלען די ערד און די הימלען.

פון וויי־מין, אַלמנהשאַפט, הייבט זיך
דאָס עלנט־געשריי אַרויף העכער
אַזויפיל גוואַלדריסן — גרוילמיילער:
די פוסטקייט — ווי זשאַווער צעלעכערט.

אַלמנה

איצט ווייס איך דעם אמתן טייטש פֿון „אַלמנה",
מיינע ליפּן זופּן שוין פֿון אַלמנה־כוס;
איך ווייס שוין פֿאַרוואָס ס'איז אַ גראַם מיט רחמנות —
דאָס עלנטע וואָרט און איעטווידער אות.

דער ראש פֿונעם אלף־בית — שטאָלץ פֿון וואָקאַלן
וואָס רוקט זיך דער ערשטער פֿון ווײ־וואָרט אַרויס,
צעעפֿנט די ביטער־געזאַלצענע קוואַלן:
— פֿון מיינע אויגן זיי גייען נישט אויס.

דער לופֿטיקער למד, זיין קרוין הייבט זיך העכער
פֿון אַלע קאָנסאָנאַנטן אַרויף, אויסגעשטרעקט,
דערזעט ער דעם רויך פֿון מיין זידיקן בעכער
און פֿאַלט לעבן מיר פֿאַרחלשט פֿון שרעק...

די „מ" זיצט אַ שטומע, אין זיך איינגעשלאָסן
אויף שאַ שבעה־בענקעלע — אונטערשטער טרעפּ,
די שפּיזיקע שאַרפֿן, שטילעטן — פֿאַרוואָסן,
פֿאַרדעקט מיט דער פֿינצטערער אַלמנה־קרעפּ...

די „נ" טוט זיך קוים־קוים, אַ בייג אויס אַביסל:
— נו? אפשר? מ'מוז דאָך פֿאַרלייכטערן פֿאָרט?
די „ה", ווינד און ווײ, איז צו מיר אַ סוף־שליסל
פֿאַרשליסט און פֿאַרעמלט ס'פֿאַרמשפּטע וואָרט...

„עולם כמנהגו"...

— „עולם כמנהגו"... כאָטש דו ביסט נישטאָ מער —
די לעבכוואַליעס רוישן אַריבער מיין יאָמער,
דער שטראָם, מיטן שאַרף אין מיין שניט שניידט אַריין
און קייקלט זיך ווייטער... ס'קאָן אַנדערש נישט זיין.

איך ווייס, ס'איז דער דרך, דאָך, ווי וואָלט איך וועלן;
אַזוי ווי דיין האַרץ זאָל זיך אַלצדינג אָפּשטעלן
פֿאַרהאַלטן דעם אָטעם און בלייבן שטיין — שטיל —
נאָר, ס'רוישט און ברויזט ווייטער — עס גייט אָן די שפּיל...

און ס'וועט אַזוי זיין אויך ווען מיין ענד וועט קומען,
בלויז מיינע אַקאָרדן וועלן דעמאָלט פֿאַרשטומען,
די ווילדע קאַפּעליע וועט איר ווירבלווונט
ניט שטילן — אַפֿילו נישט אויף איין מינוט.

נאָר מיין טאָן וועט פֿעלן, נישט דער און נישט יענער,
ס'אַ דינינקע סטרונעלעך אין די כלי־זמר
אַז ווי נאָר מיר פּלאַצן און פֿאַלן אַרויס
„עולם כמנהגו"... פֿאַרשוימט אונדזער בלויז...

דער לוח

מעת-לעת נאָך מעת-לעתן און שפּעטער נאָך שפּעטער
גייט איבער צו עבר: „געווען און געהאַט".
עס פֿאַלן און פֿעלן פֿון לוח די בלעטער,
פֿאַר מיר הענגט די זעלבע נישט געלביקע בלאַט.

איך בין אויסדערוויילט; פֿאַר מיר האָט ער א היתּור
דער לוח, פֿאַר מיר אומבארירט לאָזט די דאַט',
פֿון יענעם מעת-לעת ווען מיין האַרץ טערמאָמעטער
געטאָן האָט אַ פֿאַל אַראָפּ פֿון אַלע גראַד...

פֿון אַלע גלייך שעהיקע דאָיִקע זיבן
דער גזר האָט דעם פּריטיק פֿאַר מיר אויסגעקליבן
פֿאַר דעם שוידערשניט פֿון מיין גאַנץ הויזגעזינד
כ"ח תמוז אָוונט, שעה עלף איז פֿאַרבליבן
עס בלייבט אין מיין בלוטיקער בלאַט אריינגעשריבן
מיט זיין לעצטן אָטעם שוים,
וויים טויטנטינט.

ברידער און שוועסטער...

מאַטלען

בית-עולם ברידער און שוועסטער פֿאַרלאָזטע
ס'פֿאַרבינדט אונדז דער זעלבער אומהיילבאַרער בראָך,
אין אייביקן פּאַרק איבער שטעגן באַגראָזטע
מיר טרעפֿן זיך אַלע מ'וואָך ל'וואָך.

אין אייגענעם טרויער-לבוש איינגעהילטע
מיר שלייכן זיך איינע די אַנדערע פֿאַרביי,
צו אונדזערע באַשערטע פֿון גזר-דין פֿאַרשטילטע,
מיר יאָגן זיך גיך יעדן זונטיק אויפֿסניי.

מיר אײַלן אַדורך די געפּלעגטע אַלייען
נאָדלבוים אַראָמאַט און פֿייגל געזאַנג,
ווו אונדזער אַליינקייט מיר פּרוּוון פֿאַרצווייען
מיט צוויטנצוויט נעכטנס פֿאַרבליטע פֿון לאַנג,

וואָס נענטער צום זיווג — ווי מ'וואָלט אויף אונדז וואַרטן —
אַלץ יאָגיקער יינגער ווערט יעטווידער שפּרייז,
מיט בענקשאַפט אויסברוך — איבער דאַמבעם פּאַרשפּאַרטע
מיר פֿאַלן צו ווי חתנוויז, כלהוויז...

דאָרט, פּרעסט ער זיין פּנים פֿון צער אָפּגעצערטער,
צו ווייבפֿולן שמייכל אויף שטיין — הינטער גלאָז
דאָ, דריקט זי איר באַק צו איר מאַנבילד. אָן ווערטער
איר בליק קריצט זיין מירמל-מצבה: פֿאַרוואָס?!

דערנאָך קומט דער מאָנטיק און לאַטע נאָך לאַטע
מיר לייגן די טעג אויס אַריבערן בראָך
אָט ווי ס'נישט איז — צו דערשטוקעווען לעת-עתה
ביז נעקסטן בית-עולם באַזוך פֿון דער וואָך.

מיר טרעפֿן זיך ווידער, ווייַשוועסטער ווייבערידער,
מיט בלומען בוקעטן אין האַרץ, אין די הענט,
עס לעשן זיך בליקן, די טריט ווערן מידער,
דער בראַנדיקער בלויז אַלץ העלישער ברענט.

אַ זיידע

דערזע איך, מיט אייניקלעך שפּילט זיך אַ זיידע
באַלד טראַכט איך: ווי גוט וואָלט געווען אונדז ביידן!
דו ביסט דאָך מיט ליבשאַפֿט געווען איבערפֿולט
און צו אַלע קינדער — אַזויפֿיל געדולד.

זיי וואָלטן דיך זיכער מיט שאלות באַקרענצלט;
און דו, וואָלסט צווישן זיי אונטערגעטענצלט
פֿון גרוים פֿאַרגעניגן און נחת אָן שיעור
וואָס מיט יעדן חידוש זיך טשעפּען צו דיר.

באַגלייט דיינע רייד מיט דיין שטענדיקן שמייכל
וואָלסטו זיי געענטפֿערט אויף אַלץ מיט אַ שכל
געשפּילט זיך דערביי מיט זיי, גרינג און געניט
און וואָלסט נישט געוואָרן פֿון זיי קיינמאָל מיד.

דו וואָלסט זיך אַפֿילו פֿאַרגעסן אינגאַנצן
אַז, ריידן אַ סך קען דיר שאַטן צום הארצן —
איז דער אומגליק געשען — האָט די וועלט נישט געזען
אַזאַ מוסטער זיידע ווי דו וואָלסט געווען.

ערשטער ראש השנה

ווי זאָל איך אנטקעגן גיין דיר „ראש השנה"?
נישטאָ מער קיין אָנהייב פֿאַר מיר; — בלויז צוריק.
באַגריסן „גוט יום־טוב"! מיט פֿאַלשקייט דערמאָנען
די ווערטער וואָס אין קריעה־רים אויסגעפֿליקט?

ווי וועל איך לכבוד דיר בענטשן ליכט קאָנען?
אַז ס'בלייבט יעדע ברכה אין האַלדז, ווערט דערשטיקט,
דורך פֿינגער־צעציטערט דערזען כ'וועל זיין פּנים
מיט יום־טוב התלהבות — צעפֿלעמלטן בליק.

מיין טיר כ'וועל פֿאַר דיר איצט פֿאַרשפּאַרן! פֿאַרשפּאָרן
זיך פּאָרען מיט דיר. אין דער צייט פּאַראַיאָרן
האָסטו פֿון אונדז ביידן געמאַכט דאָס געגאַר.

דו ביסט אָנגעקומען צו אונדז, מיט אַ קלאָרן
לחיים־פּלאַן אויף אַ גאָר גליקלעכן יאָר; און —
הינטער די פּלייצעס פֿאַרחתמעט דעם גזר.

ווער וואַרט?

ווער קוקט מיך אויס? ווער וואַרט אויף מיר
מיט אָרעמס אויפגעריפלט ברייט,
און מיט צוויי פולע פעסער פרייד:
צוויי אויגן אין מיין אָפן טיר?

ווער וואַרט, מיט גליִענדיקער גיר
געדולדיק אויסצוהערן גרייט
און צו פאַרזיסן זויער רייד
פון דאגות, וואָס אהיים כ׳דערפיר?

איצט, גראַבל איך זיך אין מיין שלאָס
וואָס שווייגט פאַרעקשנט און פאַרראָסט,
דער שליסל, פאַלט מיר פון די הענט.

איך זופ אליין אוים מיין פאַרדראָס
מיין אייגן טיר — אָן בעל-הבית,
פאַרמאַכט פאַר מיר — פאַרדעכטיק פרעמד!...

שטורעם־נאַכט

צעעפּנט די שטאָרן! פאַרשאַרט די גאַרדינען!
קום שטורעם מיט מיר זיך מתיחד זיין!
עס האָגלט און רעגנט, פון פענצטער רינען
אַראָפּ מיינע טרערן — אין דיין געלעגער אַריין.

דער ווינט האַקט און פּראַסקעט דעם פלאַכן דאַך אויבן:
— איך וועל דיך צעשמעטערן! ווי איך בין אַ ווינט!
וואָס זענען מיר שולדיק? צעציטערן שויבן
אַז אונדזער בעל־הבית איז נישטאָ שוין אַצינד.

עס שליידערט דער שטורעם דעם בוים קעגנאיבער:
— ווי האָסטו געקענט זיך אַזוי רויִק שטיין?
עס וואָיען די צווייגן: נישטאָ אונדזער ליבער!
זיי שמייסן זיך, רייסן אוים שטיקער זיך אַליין.

טאַ־ראַ־ראַך! שפּאַלט אַ דונער אַדורך אַלע וועלטן
איך צאַפּל „ממעמקים קראתיך יאָ״!..
עס ווערן מיינע מויערוועגט לייוונט געצעלטן
דאָס גאַנצע הויז שאָקלט זיך: דו ביסט נישטאָ!

אַ בליץ טוט אַ שמייץ און אַ שאָס אוים פלאַמריטער
אַ ברי און אַ סמאַליע — צעקאַטעוועט מיין לייב.
ניין! נישט פון די הימלען ברילט איצט דאָס געוויטער
איך הער פון דער ערד אַרויס דונערט: „מיין ווייב!״

עס הילכן די קולות אין מיין יעדן אבר
ווער האָט דעם בית־עולם אַזוי נאָנט געבראַכט?
דורך מיין פינצטער פענצטער — פירקאַנטיק ווי דיין קבר —
איך גיב זיך דיר איבער — צעשטורעמטע נאַכט.

פונדעסטוועגן

פֿונדעסטוועגן וואַרט איך נאָך אַלץ דו זאָלסט קומען
צו מיר צוריק, אַפֿילו פֿון דאָרטן — סיי ווי!
כ'דערקען דיינע טריט, הער דיין ניגונדל ברומען
כ'פֿאַרנעם עס, יאָ, גלויב מיר — בהן שלי!

נאָר אפֿשר אַצינדער, ביסטו שטאַרק פֿאַרנומען,
נישט לויט דיין געזונט, נעמסט אויף זיך צופֿיל מי?
ווי ס'איז דיין רגילות, די צייט ווערט צעשוווּמען
און, כ'ווייס נישט אַליין וואָס — אַזוי ווי דאָ הי!

פֿונדעסטוועגן, ווייסטו אַ וועג צו מיר געפֿינען:
ס'איז, מילד, אַ ווילד איינפֿאַל — אַז ס'האָט נישט קיין זינען,
דאָס וויל בשום אופֿן מיין האַרץ נישט פֿאַרשטיין.

נאָר אויב דו זאָלסט איצט, זיך ס'ערשטע מאָל פֿאַרגינען
נישט זיין קאַוואַליעריש — ז'מיר קיין נפֿקא מינא
וועל איך קומען צו דיר

און זאָל

מיינס איבערגיין...

ווי אויפֿן בילד

אַזוי ווי אויפֿן בילד. אויפֿן וואַנט קאָפּ צו קאָפּ
מיר הענגען פֿאַרטוליעטע חתן־כלה־ווייז —
ווי גוט וואָלט געווען ווען איך טו אַ שפּרייז
און גליטש זיך צו דיר אין דיין רובעט אַראָפּ.

פֿאַל צו דיין ברוסט צו — אָ, שטעל מיך נישט אָפּ!
באַשעפֿער: זיי גוזר אויף מיר יעדן פּרייז
באַפֿעל — און איך פֿאָלג־אויס, אַבי נאָר באַווייז
אַ נס! און פֿאַרבינד אונדז פֿונסניי אין איין סנאָפּ:

אַזוי ווי אויפֿן בילד דאָ, מיט בלאַנקנדע ציין
פֿונאַנדערגעשמייכלטע, חתן־כלה־חן,
מיט ליפּן פֿאַרנאַשטע פֿון זיסן באַשייד.

אין ליבשאַפֿט אַפֿילו אויך אונטערן שטיין
מיר וואָלטן פֿאַרבליבן אַזוי יונג און שיין
באַשיינטע פֿון גליק

אויך

פֿאַרגליווערטערהייט...

טרויערטראָן

אסתר־הדסה׳ן

ווי מאַכט מען אַ בלוטשטורץ זאָל טריפֿן געלאַסן?
דיין דרך כ׳וויל אָפּלערנען — אסתר הדסה.
זוי שטיל און בכבודיק טראָגסטו דיין טרויער,
וואָס רוישט ניט און פּוישט ניט אַ וואָכעדיק גרויער.

ווי איז דיר דיין שרפֿה באַהערשן געלונגען?
ווי האָסטו די פֿלאַמיקע צונגען פֿאַרשלונגען?
פֿאַרנומען וואָס ווייטער, אַראָפּ־צו דיין שייטער
איצט ריזלט דיין וויטאָג אין דיר, דורכגעלייטערט.

וואָס דאַרף אַבי ווער זיך דערוויסן דערוועגן,
ווי טייער און טיף איז דיין טרויער־פֿאַרמעגן,
נאָר בלויז צו אַ פֿריינד וואָס דו קענסט זיך פֿאַרגלייבן
וועסט אפֿשר דעם דעק פֿון דיין ברונים אויפֿהייבן?

עס יערט נישט דיין יאָמער, וואָס עלטער — אַלץ שטייפֿער
דיין וויטאָג ווערט ווייניקער אָפּגעזעצט, רייפֿער, —
אויף טרעפּ פֿון דיין טרויער טראָן שטייגסטו, אַ שטאַרקע,
דיין לעאָ, דאָרט, גרויסט זיך געווים

מיט זיין מלכה...

אלמנות

רבונו של עולם! של יושר, רחמנות,
צו וואָס דאַרף דיין מלכות אַזויפיל אַלמנות?
איז נויטיק דיין קרוין — פון צדק די קאַנטן
דער פינצטערער פינקל פון הייסע ברילִיאַנטן?

עס ציִען זיך גלִיען אַלמנה-טרערן,
צעצינדן דיין הימל מיט קויל-שוואַרצע שטערן.
דער שפיכת הדמים שטייגט העכער און העכער
געשריישפּיץ — דיין כסא הכבוד צעלעכערט...

עס מערן און מערן זיך נעמען נאָך נעמען,
אַזויפיל וויין-אותיות פאַרפלעקטע פאַרשעמען
פון אסתר, הדסה, פון פעלאַ און חיה
פון מערי און מרים און נייע, נאָך נייע.

רבונו של חסד, עד מתי? ביז וואַנען?
פאַראַלמנהט האָסט פּאָלאַן, אַלגאַן, שושנהן,
רעגינאַן, מיין יאָספען, און מיך אויך בתוכם
פמליא של מעלה מיר קענען דערגרייכן.

מיט קרעפּ שוואַרצע שאַלן דיין הימל פאַרוויקלען,
מיט אונדזערע קרעכצן אויף שפּליטער צעשטיקלען,
אָ! קייקל די קללה פון כרת אַראָפּ
רבונו! דעם מאַרש פון מות שטעל אָפּ!

אַ גרוס

איצט זענען די רעמלעך, די שוואַרצע,
צו מיין ווייגעמיטן קרוביש נאָנט.
אין אונדזערע אברים — קלאָג־שורות
דאָס זעלבע שוואַרץ טרויערבלוט שטראָמט.

טו איך באַלד ווי ס׳קומט אָן די צייטונג —
אַ מיש־אויף די זייט ווו עס האָט
פֿאַרחתמעט דער מלאך־המות
די רעמלעך, מיט שוואַרץ שטעמפּלטראָט.

איך פֿאַל צו פֿון נאָמען צו נאָמען,
באַהעפֿט זיך מיט יעדן פֿאַרלוסט;
אויף יענער זייט, אייביקלאַנד דיינעם
צו דיר — שיק איך איבער אַ גרוס...

טרויער־אַרמיי

ווען איך בין אַריין אין דער טרויער־אַרמיי
פֿון אַלע פּאַראַבלטע פֿרויען און מענער,
מיט שטוינונג פֿלעג הערן ווי די און ווי יענער
דערציילט פֿון חדשים און פֿון יאָרן וויי

אַזאַ קאַפּאַראַפּיקן באַרג איבערדריי
אַריבער צו לעבן, ווי קען זי? ווי קען ער?
עס ווייטערט דער שטח, דער ווײ ווערט נישט קלענער
איך — וועל נישט דערשווימען אַזוי ווייט ווי זיי.

איצט זע איך, די צייט האָט מיט מיר נישט קיין שייכות,
לעולם ועד איר קעניגרייך איז
איר שטראָם פֿלייצט אַריבער דעם בשר ודם
דערנעבן מיין אומגליק — מיין אייגענער טייך איז
איך שווים שוין אַזוי לאַנג און כ'ווייס נישט צי גלייך איז
און מיט וואָסער וווּנדער מיין ריטם האַלט אָן?..

כולו-נם

אריבער די ראַנדן פֿון רונדן מעת-לעת
מירן בויען אַ פּאַלאַץ פֿון כולו-נם.

יאָ, גלויב עס מיר, ליבסטער! מ'קאָן אַלץ באַווייזן
הויך איבערן חומר. אָן צעמענט, אָן אייזן,
אָן זיילן סקעלעטן, אָן שטאַבעס פֿון שטאָל
אַפֿילו — אָן גלעזערנע ווענט פֿון קרישטאָל.

דו — שטרעק נאָר אַ האַנט אויס, און ליפּן צו ליפּן
די אונטער און אויבערערד וועלן פֿאַרקניפּן.
מיר וועלן די באַרגיקע בערג איבערהיפּן;
די שוואַרצע ווייוואָלקנס אין ליכט איבערזיפּן!

דו דאַרפֿסט זיך צו מיר נאָר אינגאַנצן פֿאַרטרויען,
דעם כולו-נם פּאַלאַץ — פֿון מיר און דיר בויען.
נו, האָב נישט קיין מורא! נו, גיב מיר דיין האַנט —
אַ שפּרייז און היפּ-איבער, אַריבער דעם ראַנד,
און שטעל דיינע טריט אויף מיינע טרויערטרעפּ —
מיר הייבן זיך העכער אין הימלישן סטעפּ...

ווי לאַנג איז דער לייטער געשטאַפּלט פֿון טרערן!
די אויבערשטע שפּיצן ביז צום מאָרגנשטערן,
דער אונטערשטער גליטשט זיך אַראָפּ צו דעם קוואַל,
ווו ס'ווערט צעשמאָלצן דער שטאַרקסטער מעטאַל.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דו לאַכסט, ליבסטער מיינער, איצט גלויבסטו שוין, זעסט?
שוין פֿאַרטיק אינגאַנצן דער פּאַלאַץ פֿון נס.
די ווענט פֿון דורכזיכטיקן גאָלד אויסגעשטאָלט
דער דאַך און דער דיל — ווי מיר וואָלטן געוואָלט.
אַט בייגט זיך אַרונטער צו אונדז שוין אַ גרייטער
מיט לופֿטיקע שטאַפּלען — דער ליכטיקסטער לייטער.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— וואָס וויינען זיי דאָרטן, פֿון אונטן? נאַראָנים!
זיי זעען נישט, באַשר, ווי ס׳לייכט אונדזער פּנים.
מיר האָבן שוין ביידע איין פּנים! ווי גוט איז
אַזוי זיך באַהעפֿטן! און יעדע מינוט איז
אַ מוסטער מין וואָס איז געווען און וועט זיין.
אין אונדזער נס־פּאַלאַץ פֿון כולו שיין...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

עס שוועבט אונדזער נס — אין דער אייביקייט אַריין...

בלומען

וואָס ווילן די בלומען? איעדער סעקונדע
פֿון יעטווידן בייט — ווי אַ ברעקל ערד פֿריי
באַפֿאַלן זיי מיך ווי מיט גליִיקן בליי,
זיי שטעמפּלען מיר אָפּ און מיין לייב ווערט צעצונדן.

און איידער די בראַנדצייכנס ווערן פֿאַרשווינדן
צעבליִען און בריִען מיך אָפּ פֿונדאַסניי
נאָך בלומען און בלומען. איך ווער קראַנק פֿאַרביי.
מיט געל, רויט און ראָזע, פֿיאָלעט ווייסע ווונדן.

די בלומען, זיי וואָלטן, — ווען איך בין מיט דיר,
אונדזערע,ביידנס בייטאָגן באַצירט,
פֿאַרנאַכטיקע בענקשאַפֿט מיט בשמים באַשמעקט
איצט — ס׳מאַליעט מיך יעדע בלום מיט איר קאָליר
דעם סם־המות אין דופּט איך דערשפּיר
זינט דו ביסט פֿון מיר

פֿון מיין גאָרטן אַוועק.

נישט דו

ווען דו וואָלסט געזען, אוי! ווען דו וואָלסט געוווּסט:
איעדעם מאָל איידער איך דאַרף צו דיר קומען
ווי האָסטיק איך הייב אָן צו רייסן די בלומען
איך פליק און איך פלאַטער אום פון קוסט צו קוסט.

— די, פלעגט דיר געפעלן, דער האָסטו געגלוסט,
דעם טוי פון פרימאָרגן אין ליליעס געפונען
און רויט סאַמעט רויזן — דעם אויפגאַנג פון זונען,
זשאַסמינען: פון קלאָר כישוף-נאַכט א גרוס...

דערטראָג איך מיין בונטן בוקעט — פריש געביין
א שאָט זיך פונאַנדער, — צו דיין קאַלטן שטיין,
מיט פאַרביקן שטאַרביקן מויל פאַלן צו. —

צעבונטעווען זיי זיך אין העליש געוויין
עס ברענען די בלומען דיין שטיין: „ניין! און ניין!"
„נישט דו ליגסט דאָ אונטן! נישט דו! דו!
— נישט דו"!..

דיין זייגער

אויף מיין נאַכט־טיש שטייט דער זעלבער זייגער
וואָס כ'האָב צו דיין געבורטסטאָג דיר געשענקט.
אַ גאַנצן טאָג — ער גייט אויף זייגער־שטייגער
און אַלע דיינע מעשים ער געדענקט.

דערציילט ער מיר אויפֿסניי אַלץ דיין געשיכטע
דו, האָסט זיין יעדן שרייפּעלע געקענט,
דו פֿלעגסט אים אַלע פֿעלערן פֿאַרריכטן
ער שפּירט אויף זיך נאָך דיינע מייסטער־הענט.

נאָר, מיטאַמאָל, —
די ווייזערס ווערן שפּיציק דינער —
עס רוקט זיך אָן די שעה פֿון „יענער נאַכט — ...”
אַ פֿיבער שטילקייט שפּאַנט אָן אונדזער צימער
דער קורץ־ווייזער אויף עלף פֿאַלט פֿאַרשמאַכט.

דאָס פּיצל נעמט זיך ווילד משוגע יאָגן:
— אוי! ראַטעוועט! אַ דאָקטער! גיך! געוואַלד!
איך האַק זיך קאָפּ אָן סלופּ — מיין יאָמער קלאָגן
צעקוילערט זיך — די שוואַרצע נאַכט צעשפּאַלט. —

צעלויפֿן זיך די ציפֿערן, עס שיטערט
דער לאַנגער ווייזער וויל נאָך ווו דערגיין;
און פּלוצים טוען אַלע דריי אַ ציטער:
אין דער סעקונדע איז דיין זייגערהאַרץ געבליבן שטיין!

מיין בריק

דער סדר העולם ט'זיך איבערגעקערט.
עס הערשט שוין אָט ערשט פֿון מהומה דער האַר
מיין שטאָלענע בריק — קעגן יעדער געפֿאַר —
האָט שוין איינגעשלונגען — דאָס בערגעלע ערד.

נישטאָ דער יסוד אונטער טראָט מיינעם מער.
און נישט דער אָנהאַלט — ווי כ'האָב זיך אָנגעשפּאַרט:
אויף שיכורע שטיגן פֿון נעפּל קאָשמאַר
איך טרעפּל צערעפּלט אַהין און אַהער.

כ'דערזע ווען — אַמאָליקן גלאַנץ פֿון מיין בריק:
— ס'אַ זוניקע זיילן! שטאָל שטאַבעס פֿון גליק!
דער חשבון סך־הכולט אויף גאָר היפּשער לענג!
נאָר, ווער ווייס, מיט וויפֿילע יאָרן צוריק?
מיט צענדליקער? הונדערט? איצט, הויערט מיין בליק
מטושטש אין הוילקייט אַרום — ווי איך הענג...

אַ פינפטע ראָד

עס גייען מיט גאווה די קעפּ הויך פאַרהויבן
געאַרעמטע פּאָרלעך: ס'אַ גליקלעכע לייט!
צי זעען זיי כאָטש ווי ראָז זענען די שויבן
אַז, ס'קוקן באַנאַנד מאַן און ווייב,
זייט ביי זייט?

די יונגיטשקע, מיטעלע, עלטערע, זקנים,
עס גייט נישט אין חשבון אַריין וויפל יאָר?
אַ גאַנצע, אַ פולע די פיר פּאָרט אינאיינעם
אַפילו אין יאָכיקסטן שפּאַן — נאָר אין פּאָר.

ס'אַ גלויביקע שטרעקעס! דערהויביקע פליינען!
עס שפּרייטן זיך, גרייטן זיך פאַר יעדן טראָט
עס קייקלט זיך איין העלפט, אליין זי, אליין ער
נאָך רעדער געפּאָרטע — אַ פינפטע ראָד...

אַ פינפטע ראָד, אָט, מ'זאָל נישט באַדאַרפן,
אַ צוגעטשעפּעטע שלעפּט זי זיך נאָך.
עס טרעט אים, ביז ס'וועט אים דער גורל פאַרוואַרפן
צוריק צו זיין אָפּגעהאַקטע העלפט פון זיין בראָך.

נאָך אַ קללה

נאָך אַ קללה אויף מיר הויערט:
צווישן מענטשן אויף דער גאַס
מיט די בליקן רק מ׳בויערט
דורך מיין פּנים: — ראָז? צו בלאַס?

טראָג איך אויבן אויף מיין טרויער
פֿאַל איך יעדערן צו לאַסט.
איך פֿאַרביטער און פֿאַרזויער
יעדנס שמייכל, שפּיל און שפּאַס.

און אַז מיין צער איך דריק אַרונטער,
הערט מען, האַפּערדיק און מונטער
קלינגט מיין קול, קיל קייקלט זיך
זעט מען נאָר — מיין בליק אַ בונטער —
בייזוויליק מ׳ווינקט זיך אונטער
— „פֿאַרגעסן זיך? שוין? אַזוי גיך?...”

פרילינג אויפן בית־עולם

צוואָס קומסטו אַהער אויך זיך רייצן? זיך גרויסן?
פֿול פֿריידיקער פֿרילינג, פֿולפֿאַרב און פֿולפֿאָרעם
גייסט מיט דיין עשירות — איינגאַנצן איינדרויסן —
אַנטקעגן די יורדים; ביסט אונדז מקבל פּנים?

דו נעמסט אויף אביונים — אָן רחמים פֿאַראָרימט —
מיט לוסטיקע בליטריט פֿון צוויטן און רויזן
מיט דיין שטאָלצער שיינקייט טרעטסטו איבער קברים
דו גרינער בעל־גדלן — וואָס ביסטו דאָ אויסן?

אַוועק, אומפֿאַרשעמטער! דו זאָלץ אויף וווּנדשיטער!
דאָ ליגט אונדזער פֿרילינג אויף שטענדיק פֿאַרבליטער
מיר וועלן דיר געבן אַ שוואַרץ עין־הרע!
פֿאַרשווינד פֿון פֿאַראיינזאַמטע ביטער געמיטער
מיר זיינען אַ רעשט אָפּגעשפּאָלטענע שפּליטער
פֿון גליקלעכע גאַנצע געוועזענע פּאָרן...

דיין מאָנומענט

איצט ביסטו שוין מסכים מיט מיר, זיווג מיינער?
אָן אייביקער עדות ביסט דאָ — זעסטו דאָך
אַפילו אַהערצו, אין עולם הצדק,
דער שאָטן פון עולם השקר לויפט נאָך.

אויף לוקסוס-שטיין, אויבנאָניקע פּלעצער
פאַרגלאַנצן די נעמען פון גרויסגילדע-לייט
און דו, דער אדון פון די איידלסטע מידות
אַ מהלך ווייט און — אַ קאָפּ אָן אַ זייט.

געוויס, ווער געוווינט איז צו דירות-עשירות,
ליגט דאָ מיט זיינם גלייכן, גבירישן מין;
אַזוי פון קדמונים דער דרך העולם
אומזיסט צו באַשולדיקן ווער צו דערין...

איך ווייס, דו — וואָלסט לאַכן און גרינג מבטל מאַכן
די טענה מיינע, פאַרפאַרבט מיט פּאַרדראָס.
ווער קען זיך פאַרגלייכן מיט דיר אין חשיבות?
אַז ס'איז דיין עניות געוועזן אָן אַ מאָס.

דערפאַר אין די הערצער ביי אונדז ביסטו — איינער;
ווער וואָלט דיין מצבה באַצאָלן געקענט?
דער רייכסטער מענטש אויף דער וועלט נישט — קיינער!
אונדזער ליבשאַפט-שטיין איז דיין מאָנומענט.

חלום־הויז

— קום ברוכקע מיינער, קום ווידער אהיים!
אָן דיר איז דער טאָג בלינד געוואָרן — אָן שיין.
נאָר אויב קענסט אין וואָרהויז אהער מער נישט גיין
איז קומזשע ביינאַכט אין מיין חלום אריין!

מיין חלום־הויז איז אויך געבויט שטאַרק און שיין
פאַרטיפט דער יסוד אויפן גרונט פון מיין פיין,
פון ליבשאַפט — די ווענט — תמיד לופטיק און ריין
עס הייבט דער סופיט אין דער אייביקייט אריין.

מיין חלום־הויז שוועבט דאָך אזוי נאָנט, — א ריר
און ס׳גרייכן די הענט זיך: א פענצטער א טיר —
אין ליידיקן וואָרהויז, כ׳קען מער נישט — אליין
דו — זעסט נישט, ווי נאַכט נאָך נאַכט
וואַרט איך אויף דיר
נו, קום שוין! באַוויז זיך און בלייב דאָ מיט מיר,
און זאָל שוין מיין חלום־הויז זיין

אונדזער היים!..

די סדרים

איך קוק און איך קען עס ניט גלויבן, לחלוטין,
ווי אונדזערע קינדער — מיט וואָס פֿאַר אַ גדולה
זיך גרייטן צום סדר. נאָר וואָס איז פּעולה
אַז אין אונדזער שימחה פֿעלסטו, הויפּט מחותן.

איך פּרוּוו מיין מרידה איינגעמען מיט גוטן.
די שטוב איז מיט אורחים און כל-טוב אַ פֿולע,
איך פֿריי זיך, און דריי זיך אַרום ווי אַ דולע
אין שאָטן און ליכט, שפּאַלטן זיך די מינוטן.

דאָס שוואַרץ און ווייס שווינדלט מיר פֿאַר מיינע אויגן,
דורך שוואַרץ און ווייס זע איך — זאָל זיין ס'איז געשטויגן?
ווי צו דער הגדה דו ציסט אויס אַן אָרעם —
דו לאָזט נישט אַ פּסוק, אַ בלעטל פאַרבייגן
דיין ניגון, דיין נוסח ווי ד'האָסט זיי דערצויגן
אין אונדזערע קינדער — דו פֿירסט אָן די סדרים.

ב ר י ו ו

היינט האָב איך אָן אוצר, דעם גרעסטן געפֿונען:
אין מיין שיכחה־שאַכטל דיינע חתן־בריוו.
זען׳ איבער דריי צענדליק יאָר קריק אָפּגעשווומען
צום זוניקן האַפֿן — אין איין רגע־שיף.

אַט ווייזט זיך מיר אוים: איך האָב נאָר וואָס באַקומען
די בלויאינקע בלעטעלעך, דיין לויטערשריפֿט;
אינמיטן מיין מידבר — ס׳אַ ברויזיקער ברונעם!
ערשט איצטער באַנעם איך: ווי ברייט און ווי טיף!

— זעט, מענטשן! נאַט, קוקט אָן! מיר ווילט זיך אויסשרייען —
— ס׳אַ פֿולקייט! עד מאה ועשרים קאָן סטאַיען!
דאָ שפרודלען די קוואַלן אַ גאַנצן מעת־לעת!
מיין חתנס הבטחות זען׳ גילטיק עד היום!
אַט זעץ איך זיך שוין כלה־קאַרטלעך באַנייען:
— ווו שיק איך זיי אַפּ —

לויטן לעצטן אַדרעס ? !...

ברוך־בילד

— דו שטענדיק געטרייער, דו — זאָלסט אזוי ווערן?
דו, ברוך־בילד מיינס. ווי קומט עס צו דיר?
זעסט פֿון מיינע אויגן זיך גיסן די טרערן
און דו לאַכסט און לאַכסט; צי לאַכסטו פֿון מיר?...

אַוודאי, וואָס אַרט דיך? פֿון אַלע עסקים
ביסטו דאָך שוין פּטור, פֿון אַלץ מיט אַנאַנד,
איך רייד צו דיין רעמל, כאַטש „האַק אים און בראָק אים"
און ער: „מיינסטהאָלבן — שלאָג זיך קאָפּ אָן וואַנט"...

אַפֿילו דאָס גלאַטע געטרייע בילד־שייבל
דערלאָזט נישט אַ שטויבל זאָרג פֿאַלן אויף דיר.
און דו לאַכסט פֿילדייטיק: „וואָס זאָגסטו מיין ווייבל,
דו זעסט שוין ס'אַ עול איז געלעגן אויף מיר?"

פאַר דיר אַליין

שוין, כ'וועל שוין פֿאַר קיינעם מיין ווײ נישט דערציילן,
נישט ווײַזן מיין ווונדיק לייב רוי אָפּגעבריט,
ס'קאָן קיינער סיי ווי מיינע ווונדן נישט היילן
אומזיסט איך פֿאַרגאַליק נאָר יעדנס געמיט.

פֿאַר דיר אַליין וועל איך מיין שאָלהויט אָפּשיילן,
דיר ווײַזן די אָדערן מיינע, וווּ ס'זידט
דער גיפֿט, וואָס געזאָלט האָט אונדז ביידן צעטיילן
אויף לעבן און טויט — אונדזער איינציקאַרט ליד.

פֿאַר דיר אַליין וועל איך זיך אַלעמאָל שטעלן,
אַזוי ווי כ'פֿלעג תמיד, ווי דיר איז געפֿעלן,
פֿאַר דיר בלויז אַנטהילן אַ שניט נאָך אַ שניט;
די קינדער, די קרובים און גוטע פֿרײַנד, וועלן
מיך זען און מיך הערן, אָנקוקן און קוועלן:
— „די קינסטלערן-צייט — אַלע ריסן פֿאַרציט!"...

זומער

און אַט איז געקומען דיין ליבלינג־זמן: זומער,
צו אים האָסט געצויגן זיך דריי פֿערטל יאָר.
עס זענען די ווייטיקן דיינע אַנטרונען,
דיין בליק — ווי דער הימל — צעבלויט, לויטער־קלאָר.

פֿאַרנאַכט ביסט אין גאָרטן געזעסן, געשפּונען
דיין קנויל פֿרייד, דיין זון אויסגעוואַרעמטע וואָר,
צעזומערטע, זינגענדיק אַרומגענומען
פֿאַרביישפּאַצירט האָבן אַ פּאָר נאָך אַ פּאָר

— — — — — — — — — — — — —

פֿון הויך־רעדער קלינגען איצט די זעלבע טענער
עס איילן פֿאַרווילן זיך פֿרויען און מענער
די פֿייגעלעך זינגען — מיט גרעזעלעך פֿול
עס גרינט אונדזער גאָרטן, ווי פֿריִער, נאָך שענער
מיט לוסטיק געלעכטער גייט דורך דער און יענער —
פּוסט איז נאָר מיין ווינקל ווו שטיין פֿלעגט דיין שטול.

פלא-אַפּאַראַט

זינט דו ביסט אַריבער אויף יענער זייט גרענעץ,
איך לאָז נישט דאָס טרייבל אַרויס פֿון מיין האַנט.
ווער קען מיך אַפּרייסן? נישטאָ אַזאַ עמעץ —
און מיר קענען ריידן און זען זיך באַנאַנד.

אַוודאי וואָלט איך נישט געקענט דאָס באַווייזן,
ווען איך וואָלט ביי זיך און אין זיך נישט געהאַט
— מ׳קריגט נישט, מ׳זאָל אַלע ספֿערן באַרייזן, —
ווי מיין טעלעפֿאָן — טעלעוויז-אַפּאַראַט.

איז הער איך דיין שטימע אין אַל׳ דיינע טענער
און כ׳זע דיין געשטאַלט, פֿונעם ערשטן מאָמענט
אין אַלע דיינע פּאָזעס, נאָך אַמתער שענער
פֿון זינט ווען מיר האָבן זיך ביידע באַקענט.

עס טרעפֿט זיך, איך מוז אַמאָל וואַרטן און וואַרטן
ביז... ביז איך דערהער סוף כל סוף דיין „האַלאָ!”
פֿון דיין אייגן קעמערל טיף, אַ פֿאַרשפּאַרטער,
דערגייט ביז צו מיר דיין: „יאָ! יאָ! איך בין דאָ!...”

דערפֿאַר, קיין פֿרעמד אויער איז מער נישט פֿאַראַנען
ווען מיר ביידע סודען זיך דורך אַזוי גרינג;
די נייע גבירטע — וועט מיך זיין מקנא
— אַהאַ; מען באַקומט נישט פֿאַר כסף אַלצדינג!...

ס׳אַ זעלטן זכות עצמי אַזוי צו פֿאַרמאָגן!
איך הער דיך, איך זע דיך, דאָך תמיד כמעט
ווען נישט, — וואָלט איך תיכף אַריבערגעטראָגן
אין דיינע פֿיר איילן מיין פּלא-אַפּאַראַט.

שוין?...

יהושע:
דיין לייב ליגט פֿאַרגליווערט צווישן דיינע ספֿרים.
איך שטייג איבער רוקנס מ׳בוך ל׳בוך:
ווּ איז דער בעל־גבורה וואָס איז עוקר הרים?
אומזיסט אַ כזית אחיזה איך זוך.

אַנטקעגן די וואַקסענע ליכט — ווי פֿאַראַרימט
עס שטייען די ספֿרים. אין איין שטילקייט־טוך
מיר זיצן פֿאַרוויקלטע אָרעם צו אָרעם.
נאָר, בלויז דער וואַנטזייגער שטילטוך לעכערט דורך.

ווי פֿון קריעה־רים־איין איך טו זיך אַ צאַפּל
דערזע איך, עם בלאָנקעט אַרויף דיין שוואַרצאַפּל
און דיין לעצטער רעיון מאָנט מין השמים:
— שוין? נידערט דער אייביקער שלאָף על עפּעפּי?
איך בין דאָך אַרויף ערשט אויף איין נחת־שטאַפּל,
די ערשטע פֿרייד זופּן פֿון מיין כוס־החיים?!...

מחותנים

איך האָב נישט געזען אַ מער גליקלעכן טאַטן
ווי ברוך און יהושע, — אַזוי אַריינגעפּאַסט
ט׳זיך איינער אין צווייטן, ביים ווערן מתחתן,
ווען ס׳האָבן זיך אונדזערע קינדער פֿאַרקנסט.

מיט וויפֿל עשירות הלב אויסגעשטאַט האָט
איר ביידע דעם בונד: אונדזער בן, אייער בת,
דערביי אַזויפֿיל פֿאַרגעניגן געהאַט און
מיט שימחה געטראָגן פֿון ליבשאַפֿט די לאַסט.

די זעלביקע זויבערע זיידענע זיטן,
בן אָדם לחברו און שטאַרק אָפּגעהיט
אונדזער קרן זאָל ווערן פֿולזאַנגיק פֿאַרזיי

אַזעלכע אַלזמניק דערהויבענע צוויטן
קענען קיין לאָפּעטעם ערד ניט פֿאַרשיטן,
מחותנים צוויי אין איין אייביקער ריי.

דין ליכטיק געוועב

יהושע!
אַז דו ביסט געוועזן אַזוי גרינג אין וואָג,
דיין גוף, אָפּגעצערטער שיעור, דורכזיכטיק דין,
— איז ווו האָט געשטעקט דיין גיגאַנט וועבמאַשין
וואָס האָט אַזאַ חברשאַפט־כח פאַרמאָגט?

איצט, קומען זיי אַלע אַהער און מ׳טראָגט
די ליבשאַפט־ליינען, פון דיר אויסגעשפּינט.
מ׳וויקלט פונאַנדער פאַר דיין הויזגעזינד
דיין ליכטיק געוועב פונדאַסניי, טאָג נאָך טאָג.

ווען דו וואָלסט זיך קאָנען דערוויסן דערפון
וואָס דו האָסט באַוויזן מיט דיין שוואַך געזונט,
דיין גבירישן אָפּשפּאָר דערזען וואָלסטו היינט...
ווי פול איז דיין אָבל־הויז. ווען, ווער און ווו
דערקענט האָט דיין כח, — דער קומט און מ׳קומט
אַזויפיל באַ׳צער׳טע דערשיטערטע פריינט...

אין פיינקעלער

יאָספּע, מיין שוועסטער, פון גזר־דין געזאָלבטע,
ווי מיך — האָט דער גרוילּיקער גורל צעהאַלבט דיך.
ער האָט אָפּגעשפּאָלטן פון דיר דיין יהושע׳ן
אַן אָפּגרונט וואָס לאָזט זיך שוין מער נישט פאַרציִען.

איך וועל דיר נישט טרייסטן: דיין יאָמער שטעל־אָפּ!
נאָר שוועסטערלעך הייסן דיר — לאָז זיך אַראָפּ
אין פיינקעלער, אָפּטער, און פאַל צו מיט האַסט
צו דיין יאָספּע־ארטיקער אייגענער פאַס.

אַזוי ווי איך זינק אַראָפּ — טיפער, אַלץ בעסער,
דאָרט האַלטן זיך שטענדיק פריש אונדזערע פעסער,
ווו איך טרינק זיך אַן אַזוי פיל, פול און פריי
אַז ס׳רינט אַזש אַריבער על כל עצמותי...

דער ווייווינשטאָק צייטיקט אין אַלע פיר זמנים,
און טרויבנטעג טרויערטעג, זענען פאַראַנען
מער וויפל אין גאַנצן יאָר גייען אַריין
דאָס גרעסטע געדעטעניש — אויף טרויערוויין...

ס׳אַ זודיקע זאַפטן! יסורים־יניקה
אין פיינקעלער אונדזערן פּלייצן בישתיקה.
אַז דו, איך, פאַרגייען זיך פון בראַנד־מתיקות
איז, לאָזט זשע אונדז קינדערלעך — לאָזט זיך דערקוויקן!

ווייטיקוויין

טו נישט קיין זיפֿץ און נישט קיין וויין!
פֿאַררייפֿל זיך אין זיך אַליין.
ווער שפּאַרעוודיק — אַפֿילו קאַרג.
איעדער אַכץ און זיפֿץ און טרער,
איז מי יודע וויפֿל ווערט;
דערפֿון דער ווייטיקוויין ווערט שטאַרק...

איז — האַלט זיך איין, באַהאַלט דיין וויי,
און יעדעס מאָל אין צייט פֿאַרדריי,
ווי נאָר ס'ווערט לויז דיין טרערנשפּונט.
אַ זיפֿץ — אַ קריץ, אַ טרער — אַ ראַץ
פֿון אַ געוויין דיין ווייןפֿאַס פּלאַצט
און ס'רינט. — דיין ווייןשטראָם גייט צו גרונט...

וואָס עלטער ווערט דער ווייטיקוויין,
אַלץ טעמיקער אַ טראָפּן וויין
טריפֿט אויפֿן גומען בראַנדיק זים. —
איז ווי נישט ווי און ווי נישט ווי
ווען צו מיין וויין־פֿאַרמעג פֿאַל־צו
פֿון שיכּרות פֿאַל איך פֿון די פֿיס...

גוטמאָרגן

עס שפּאַרט זיך אַלץ ברייטער דער בעזים־באַגינען
אַריין אין מיין פֿינצטערן חדר פֿון נאַכט,
קערט אוים שוואַרצע קודלעס. באַקלאָרט און באַזאַכט
צעהעלן מחשבות — דורכזיכטיקער דינער.

אַלץ ליכטיקער לויטערער הייבט אָן צו שפּינען
פֿון „איין חדש״־חידוש די אייביקע פּראַכט,
באַשפּריצט מיר פֿאַרחלשטע אברים פֿאַרשמאַכט
מיט טרייסט־טוי — פֿרימאָרגנדיק זוניקער זינען.

מיך מונטערן פֿייגל און ערשטלינגען־שטראַלן:
— צעוועק! וואָס די נאַכט האָט פֿאַרדעקט איז פֿאַרפֿאַלן!
מיט מונטערן פּנים נעם אויף נייעם טאָג.
פֿאַראַן נאָך אַזויפֿיל פֿאַרהוילענע קוואַלן.
וואָס קאָנען פֿאַרשפּעטע בייטן באַ׳טלן
וויש אָפּ די נאַכט־טרערן

— גוטמאָרגן! זאָג!

דיין זמר

אַריבערגעשפּרייזט אַלע שטחים, די צייט.
דו — ביסט שוין אויף תמיד מיט אונדז, אויבנאָן
אין יעדערנס הארץ און מחשבה; — ווער קאָן
נאָך זיין אַזוי נאָנט פון אומזעבאַרער ווייט?

דיין זמר שפּילט ווייטער און פון יענער זייט
די גאַנצע משפּחה־סימפאָניע פירסט אָן.
— „אַזוי וואָלט דער טאַטע געזאָגט און געטאָן"...
ווערט דורך דיינע קינדער דיין דרך באַנייט.

ווער קאָן אַן אָרקעסטער אַזוי דיריזשירן?
אַז ביי יעדער סטרונע־באַריר — מיר דערשפּירן
ווי דו מישט פאַר אונדז אויף פון דיין לעבנס־שריפט.
מיר שפּילן דיינע נאָטן — כל רואה ואינו נראה —
דיינ׳ מוסטער־מעשים און ווערטער וויברירן:
אין אונדזערע אָדערן — האָסט זיי פאַרטיפט — — — —

צו זשעקעלין קענעדי

— ווי ליכטיק געשיינט האָט דיין שטערן!
געווען ביסט די מלכה פֿון גליק.
דיין גלאָר גלייכן גאַנג פֿלעגן הערן
— פֿון גאָר דער וועלט מענטשן — אַנטציקט.

באַגלייט דיין באַשערטן אין שווערן
געבוי, איבער תהומען אַ בריק,
אַז גרינגער דער עול זאָל אים ווערן
האָט שטענדיק געשמייכלט דיין בליק.

ווי גרויס איז געווען דיין הימל העל־בלויער
נאָך טיפֿער. נאָך העכער, אַצינד איז דיין טרויער.
איצט ביסטו געוואָרן די מלכה פֿון צער
דיך טרייסטן מיליאָנענווייז מענער און פֿרויען:
— דער מוט פֿון דיין מלך אויף אייביק וועט דאָען
— אין אויפֿגאַנג די זון פֿון זיין לעבן — דיין שכר!

(נאָוועמבער 1963)

בענקשאפט

בענקשאַפֿט

אַ בענקשאַפֿט, וואָס ציט זיך אַריבער די ראַנדן
פֿון ים און יבשה, פֿון פּאָל ביז פּאָל.
אַ בענקשאַפֿט, וואָס לאָזט זיך אין ערגעץ נישט לאַנדן;
אַ הוראַקאַן כאַפּט מיך אַרום אַלע מאָל.

פֿון כרמל־שפּיץ ביז צו דער קייט פֿון די אַנדן,
אויף שיפּע שיפּועים, אויף באַרג און אין טאָל;
עס וואַרפֿט און עס שליידערט אַרום נאָכאַנאַנד מיך
— אַזוי ווי אַ לופֿט אָנגעבלאָזענעם באָל

ווי דעם לעגענדאַרן לויתן צו פֿאַנגען, —
איך צאַפּל אין נעץ — וואָס איך קען נישט דערלאַנגען
ס׳פֿאַרנעמט מיך און קלעמט מיך אַרום ס׳געביין;
מיך ציִען צו צען קעגנזעצלעכע צוואַנגען
און אַז כ׳וועל אַראָפּ אין — סוף פֿון אַלע דראַנגען
וועט ווידער מיין בענקשאַפֿט
דורכשפּאַלטן מיין שטיין...

צו מײַן חתן

ליבסטער!
ביסט אַ מוליער —
דײַנע הענט
און דײַן געזיכט
אין בלאָטע אײַנגעריכט.

פֿון װאַסער, ערד,
און מיסט פֿון פֿערד,
מיט דײַנע פֿיס
— סאַפּעס צװײ —
גרודעס האַרט
און שטעכיק שטרױ
קנעטסטו װײכן לײם.

און נאָך יעדן ציגלראַנד,
מיט דײַן ברײטער
קעלניע־האַנט
לײגסטו דיקן שיכט.
זאָג:
פֿאַר װעמען בױסטו
שטוב נאָך שטוב,
הײם נאָך הײם?...

אױף רושטאָװאַניע,
ברעטלעך שמאָל,
הײבסט זיך העכער

וואָס אַמאָל.
הענגענדיק
אינדערלופֿטן
אויף אַ האָק,
שטייגסטו אַרויף —
שטאָק נאָך שטאָק;
הייבסטו אויף מיט זיך,
שטעלסט דאָס לעבן איין —
און —
פֿאַר ליבסטער דײַן,
האָסט אַ חדרל
אַרײַנצונעמען מיך?

צעמענט, קאַלך־צערײַב
שטופּלען אין דײַן לײַב; —
דו קלעפּסט מיטן פֿעסטן טינק
און שפּאַכליעוועסט די ווענט
און מאָלסט אוזאָרן אויס
מיט פֿעטן שמן־שמינק...

ליבסטער!
ביסט אויך גלעזער,
סטאָליער, מאָליער,
שלאָסער, שמיד.
הענט דײַנע,
מאַזאָליעדיק געטרײַסטע
רוען קיינמאָל ניט.
גלאָזסטו שויבן,
הובלסט טירן,
גלאַנצסט און שפּיגלסט
לוקסוס מעבל פֿאַר קאָנפֿאָרט;
און דאָך —
אויף אָפּרוען דײַז מידן גוף

ווּ איז פֿאַר דיר אַן אָרט?
אויף יעדן שטורעם,
ווינט און קעלט,
ביסט דער ערשטער אויסגעשטעלט.

ליבסטער!
דו ביסט בויער.
בויסט אַריין דיין אייגן לייב
אין יעדן פֿרעמדן מויער;
האָסט יעדן גאָב אין דיינע הענט!
הייב אָן פֿאַר זיך
אַ פֿונדאַמענט
און לייג דעם גרונט
טיף אין דער ערד.
זאָל זיין פֿאַר אונדז
אויך — פֿרייד באַשערט!
און פֿלאַסטער אויס
דעם דיל פֿון הויז
מיט פֿעלזנשטיין,
הייב־אויף די ווענט
און לייג אַ דאַך
פֿאַר זיך אַליין!...

אויף אַדערן, קאַנאַטן־שטריק,
לאָז האָסטיק לויפֿן הין און קריק
מוסקלען דיינע — יוגנט שטאָל
נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל
גבורה שטראָם אין דיין געביין...
ליבסטער!
דו ביסט בוימייסטער; —
בוי — פֿאַר אונדז
אַ מוסטערהיים!!!

1934

דער מרחק

דער מרחק, ער האָט אונדז נאָך פֿעסטער פֿאַרקניפּט,

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

הויך איבער מיין קאָפּ זיפּט אַ זוניקע זיפּ.
זינט לעצטע מינוטן פֿון אונדזער צעשייד
„זיפּ־זיפּ", זיפּ אַדורך דיינע מעשים און רייד
די בליקן און תנועות, דיין גאַנג און דיין קול.
„זיפּ־זיפּ", נאָכאַמאָל, און „זיפּ־זיפּ" וואָס אַמאָל —
אַלץ דינער און לויטערער פֿאַלט עס און פֿאַלט
מיט דיין סלת־מעל מעלט מיר אויס מיין געשטאַלט...

אַ פּינטל, אַ שטויב, מיטן ווינט פֿליט אַוועק.
עס זעצן זיך קלייען אַראָפּ אויפֿן דעק:
„זיפּ־זיפּ", שיט אויף מיר זיך אַ שיכט אויף אַ שיכט
פֿון זון דער קאָליר איז, פֿון לופֿט און פֿון ליכט.

וואָס ווייטער דיין ראַנד פֿון מיין ברעג רוקט זיך אָפּ, —
געדיכטער די זיפּ און אַלץ ריינער אַראָפּ.
דיין סלת־מעל זיפּט, יעדן גליד מעלט מיר אויס
אַז איך זע זיך שיעור שוין פֿון דיר נישט אַרויס.

דיינע ווייַנטרוימען

הויך איבער מיין קאָפּ פּלעכטן זיך דיינע שטאַנגען
מיט בינטעלעך פּולע ווייַנטרוימען באַהאַנגען

אַך! דיינע ווייַנטרוימען!
ס׳אַ גרויסע, ווי פּלוימען
פּיאָלעטע און גרינע,
פון אַלערליי מינים!

געדיכט הענגען הענגלעך אַראָפּ פון די שטאַנגען
צו מיר מיט די שפּיצן — מאַגנעטישע צוואַנגען!

און ס׳ווערט מיין גוף גרינגער,
כ׳הייב זיך אויף שפּיץ פינגער
הענט הויך אויסגעצויגן
און ס׳פליִען די אויגן —

גאָט מיינער! צי בין איך פון כישוף געפאַנגען?
צו דיינע ווייַנטרוימען מיין מויל קאָן דערלאַנגען!

איך ריים איינס נאָך איינער
אַראָפּ מיט די ציינער
פון דעם און יענץ שטענגל
פון הענגל נאָך הענגל.

ראָז, גרין און פּיאָלעטע, באַזונדערע טעמ׳ען,
די זיס און די ווייניק, דיביידע צוזאַמען .

ווי זאַפטיק און ווייך איז!
עס שיכורן די ריחות

פֿון גרויס פֿאַרגעניגן
די שטאַנגען צעוויגן

און צווישן די ליפּן מתיקות צעגאַנגען —
קיין בשר ודם קאָן שוין מער נישט פֿאַרלאַנגען!

מיין אָטעם זיי קילן,
מיין דורשטיקייט שטילן,
נאָר וויינטרוימען ווילן
אין וויין זיך צעשפּילן.

צעפֿליסן זיי זיך אין די אָדערן מיינע —
אָך דיינע וויינטרוימען

דאָס בלוט מיינס פֿאַרוויינען!...

פּאַעמען

דיינע פֿינגער זענען פּענען
און זיי שרייבן נאָכאַנאַנד
לאַנגע, ליכטיקע פּאָעמען,
אויף די בלעטער פֿון מיין האַנט...

נישט דו דאַרפֿסט אַ פּען איינטונקען
נישט אַן אויג אין טראָפּן ליכט.
מיט דיין ליבשאַפֿט אַנגעטרונקען
טריפֿן אותיות געדיכט...

גאַנצע, פֿולע פֿערזן טריפֿן,
אַנגעפֿולטע ביזן ־אַנד —
רונדיק רייפֿע, אויסגעשליפֿן
מיטן ריטם און געגראַמט.

שורהן שורות זיך, אָן אויפֿהער,
צו מיין האַנט זיי פֿאַלן צו;
לייענען קען אין מיין ספֿר
דיין כתב־יד, בלויז איך און דו...

ליבגעצעלט

אויף מיינע הימלען
פֿאַרגייט נישט די זון!
— העלן מיר הימלען
אין שטענדיקן בלוי

קאָן זיין דעריבער?
יאָ, דאָס איז די סיבה
וואָס איך בין
די זוניקסטע פֿרוי...

שטעלט זיך נאָר פֿאָר
אַזאַ פֿולן נס:
מיין טאָג ציט זיך אויס
אויף אַ גאַנצן מעת-לעת!

ווען ס'קומט אָן די נאַכט
אין פֿינצטערן העמד.
אַ מכשפֿה —
מיט קליעשטשעס-הענט

קלעמט איין אין חשכות
דעם גאַנצן אַרום;
לאַך איך — אַנטקעגן
מיין פּנים — די זון.

אומזיסט שרעקט אַ וואָלקן:
— אַט פֿאַל איך אַראָפּ;
מיין לופֿטיקער פֿאַנצער
בלויט איבער מיין קאָפּ.

צעגייט זיך דער האָגל
אַנטלויפֿן די פֿרעסט
פֿון מיין זוניקן דאַך
וואַרעמווענט פֿון מיין נעסט...

אין שמייסיקן רעגן,
אין בייסיקער קעלט,
פֿון כל הבייז בין איך
באַשיצט אין געצעלט.

מיין בלוי ליבגעצעלט
כ'וווין אין דיר אומעטום!
— אויף מיינע הימלען
פֿאַרגייט נישט די זון...

שטראַל און רויז

גליט אַ יונגער שטראַל,
צו אַ קנאָספּלרויז
צו איר פּיסל אַ פּאַל:
— פֿאַר דיר גיי איך אוים!

איך שווער דיר ביים גלוט
פֿון מיין שטראַלנבלוט!
ביי די הימלען בלויע,
ביי מיין מאַמעזון!
אַז —
אמת איז מיין שבועה!

האַלט דאָס קנאָספּלרויז
ס׳גרין מיילעכל פֿאַרמאַכט;
איין בלעטעלע בלויז
טוט ליפּלרויט אַ לאַך:

— ס׳איז זייער פֿיין און עכט!
נו? — און — נעכטן?
וועלכער קנאָספּ אין צעבלי
צוגעשוואָרן האָסט דיין גלי?...

גלייכט דער שטראַל זיך אוים
און אַ פּאַל אויף דער רויז:
— נעכטן? האַ? נעכטן?
איז אַ נעכטנשטראַל געווען,
אַזוי ווי ס׳וועט מאָרגן
אַ מאָרגנשטראַל זיין!

אָט ווי עס איז אמת
וואָס איך שווער דיר היינט,
איז אמת געווען וואָס —
כ׳האָב נעכטן געשוואָרן.

אַ שטראַל איז
— אַ שטראַל!
עס ווערט נישט געבאָרן
אויף איין אויפֿבלי בלויז —
מיין רגעלע־רויז!...

זיווג-בלום

זינט אויפֿגעעפֿנט כ׳האָב די הענט
צעשפּרייט די גרינע פֿינגער לויז;
זינט כ׳האָב מיין ערשטן דופֿט דערקענט
— אַ פֿרישע בלום פֿון קנאָספּ אַרויס —
בענק איך שוין צו דיר,
— מיין זיווג-בלום...

עס ברענגט מיר יעדער שטראַל אַהער
— וואָס האָט זיך פֿון דיין בלי דערוווּסט,
אויף מיינע בלעטער דיין באַגער
פֿון דיינע ליפּן אַ גערוס...

עס פֿאַלט-צו אַלע מאָל אויפֿסניי
צום בעכער פֿון מיין מויל אַ בין
און „זום-זום״ זינגט אַריין געטריי
די זוים-געזאַנגען פֿון דיין מין
און מיט דער זעלבער זוימעריי ,
פֿון מיר צו דיר מיט פֿליגלפֿריי,
„זום-זום״! טוט זיך אַ הויב.

איך שפּיר אויף מיר דיין בלומענשטויב,
דיין ברכה ברענגט אויף מיר דער ווינט,
— די בלומען בלינדערהייט באַדינט,
און אויף מיין בליִאיִק לייב ער שיט

דיין רייפֿן צווייט;
דיין אָטעם גליט
נאָר, דיין פּנים זע איך ניט...

אין מיין אייגענעם געפֿאַנג,
צוגעשטענגלט צו מיין שטאַנג ,
נישט צו טאָן אַ טריט —
איך ריים זיך פֿון מיין תּפֿיסה־ערד
אַ הין, אַהער,
אַ נויג, אַ בויג —

מיין יעדעס בלעטל איז אַן אויג
און —
איך קאָן ניט דיין קאָליר —
איך זע די וואַנדער־וואָלקנס איבער מיר
דעם בירגערבוים אַנטקעגן,
די בייטעלעך פֿון אונטן,
מיט גרינע טאַשמעס.
ביי די ברעגן:
גרעזעלעך אָן אַ שיעור,
דעם קלעטערפּלייט
וואָס אין דער ברייט
ער אָרעמט אונדז אַרום,
— נאָר נישט דיר,
נישט דיר,
מיין זיווג־בלום!...

מיין טאָג — ווער אַ בוים!

אין אַ טאָג,
וועל איך צו אַ טאָג
— אָן אויסדערוויילטן —
טאָן אַ געשריי:
— שטיי!

אין מיין גאָרטן
לעבן פענצטער
פלאַנץ זיך איין,
וואָרצל זיך אריין!

ווייל —
עס קאָן דאָך נישט זיין,
אַז טאָג נאָך טאָג,
יעדער טאָג
פון מיינע טעג,
זאָל זיך אַוועק
אַזוי זיך גלאַט,
ווי אַ גאַסט
אויף דער גיך,
נישט לאָזן הינטער זיך
אָן איינציקע בלאַט?
און מיט זיך פאַרנעמען
זיין גאַנצן אַראָמאַט?...
דאָס קאָן דאָך נישט זיין!

ווען איך אין אַ טאָג,
— וואָס האָב אויסגעטראָגן
אים אין מיין געביין:
זיין שטאָם אין מיין גוף —
מיין האַרץ אין זיין קרוין

ווען איך צו אַ טאָג
אין בליִבאַלוין,
צו מיין טאָג אויפֿגעבליטן,
פֿאַרן פֿאַרגיין
טאָן אַ געשריי:
— שטיי!
בלייב שטיין!
מיט אַלע דיינע צוויטן
צווייגן־שעהן
בלעטער־רגעס,
בלייב שטיין!
דו, מיין שענסטער,
און ווער אַ בוים
ביי מיין פֿענצטער.

איך זאָל דיך קענען זען
אויך מאָרגן, איבערמאָרגן,
אין איעדן שפּעטער;
מיט אַלע דיינע צווייגן,
צוויט און בלעטער
און ווידער אָטעמען
דעם אַראָמאַט
פֿון דיין יעדער רגע־בלאַט.

עס קען דאָך נישט זיין
אַז אויך אַזאַ טאָג
אין דער נאַכט זאָל אַריין?

ווי גאָרנישט געווען —
אוים! — און — שוין —
אָ, טאָג! מיין טאָג!
מיין טאָגיקסטער טאָג
ווער אַ בוים!!!

מיין בילד

דערזען כ'האָב אַ בילד מיינס, — פֿון מיין ווייטן פֿרילינג,
געקוקט און געגאַפֿט: — איך האָב זיך נישט דערקאָנט.
— איז ווער ביסטו, מיידל אין ראָם פֿון זון־אויפֿגאַנג?
דו זעסט מיר אוים פֿרעמדלעך — און אויך אַזוי נאָנט!...

צעצונדענע אויגן, מיט טרוימטוי פֿאַרצויגן,
צעעפֿנטע ליפּן אין פּורפּור־צעבלי
אַנטקעגן דעם פֿלאַם פֿון דער ערשטער אַנטפּלעקונג:
— צי איך האָב געהאַט ווען אַזאַ אינדערפֿרי?...

און איך הייב מיין בילד אויף, קוק אָן זיך אין שפּיגל:
צי ביסטו מיט עפּעס נאָך ענלעך צו מיר?
און פּנים לעם פּנים, באַטראַכט איך אונדז ביידן:
— אָ! דו ביסט מיין טעכטערל אויפֿן פּאַפּיר!...

און אירע הענט גלעטן אוים ווידער מיין שטערן —
פֿאַרציִען אַ שמייכל אַרום יעדן שטריך,
אין האַרבסטיקן גרוויאיצט, מיין פֿאַרביקן פֿרילינג
איך דריק צו מיין האַרצן: — „מיין טעכטערל־איך"!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און אַז איך וועל נאָך און נאָך טרעפּ אַראָפּטרעפּלען,
וועל איך, — ווי מען האַלט אין דער פֿינצטער אַ ליכט, —
איינראַמען מיין בילד אין די הענט און עם צערטלען
מיט פֿינגער פֿאַרטרערטע: — מיין אייניקל־איך!...

פון אַ שטיין

דאָס מים חיים, וואָס טריפֿט אויף דיין ליפּ
בריט דורך און צעבויערט מיין לייב ווי אַ זיפּ.
עס פֿליסן די לויטערע שטראָמען צו דיר,
די גלאיקע פֿונקען — זיי שפּריצן אויף מיר!...
דו טרינקסט און דו שלינגסט און דו קוויקסט זיך אַלץ מיין;
דאָס קוואַליקע וואַסער — שלאָג איך פֿון אַ שטיין...

צי האָסטו פֿאַרטראַכט זיך אַמאָל, אויף אַ ווייל?
אַז ס'ציט זיך דער מדבר אַ מייל נאָך אַ מייל,
אַז ס'ברענט דורך די לופֿט און דעם זאַמד דער חמסין.
ווי קומט אַזאַ שטיין דאָ? און וואַסער פֿון אים?...

באַגלייך מיט מיין אָטעם, איך שלאָג נאָכאַנאַנד,
עס וואַקסט זיך דער שטעקן אַריין אין מיין האַנט,
און שטעכט דורך מיין פֿלייש, מיינע אָדערן ביז בלוט,
און כ'האָב נישט געהערט נאָך: „אַ דאַנק!" און „ס'איז גוט!"

נאָר איך אַליין זע דורך ווי לויטער עס פֿליסט
מיין שטראָם אויף דיין גומען פֿריש, קילנדיק-זיס,
און איז דיר מחיה מיט כח און דראַנג
צו לאָזן זיך ווייטער און ווידער אין גאַנג...

און טיפֿער, ביי ברעג שוין — דעם שטעקן איך האַלט,
אויף שטיקער, אויף פּיצלעך, דעם שטיין איך צעשפּאַלט.
און דו זעסט עס גאָרנישט, — וויי! וויי! אַז, דער שטיין
דער קוואַל פֿון דיין מים — דאָס, בין איך אַליין!...

הנשמה לך והגוף...

רבונו של עולם, ווי זאָל איך משיג זיין?
ס'איז דיינע די כלי און דיינער דער ווייַן.
דיין גוף, דיין נשמה, פון דיין יצירה צוויי,
און ביסט אַ שטיף-פאָטער — צו איינעם פון זיי...

פון אָנהייב, גלייך פורעמסטו ביידן באַנאַנד.
עס קנעטן מיט התלהבות זיי דיין מייסטער-האַנט;
צעפינקלט די כלי, דער ווייַן שפילט און ברויזט
דער גוף און דער גייסט — אין איין אָטעם פאַרויס.

דער זעלביקער ריטם אין וווּקס און צעבלי,
עס קליגט דער „כי טוב" ווי אין ערשטן „ויהי"!
כי טוב! און כי טוב! יעדע רגע צו זיין,
זאָלן אין דיין באַשאַף — אַלע ברכות אַריין!

נאָר, פלוצים, דערזעט מען זיך: — וואָס קומט דאָ פאָר?
דער ווייַן, ער פאַרכישופט מער פון יאָר צו יאָר.
אָבער, די כלי, אוי, וואָס זאָל עס זיין?
אַראָפּ איז איר גלאַנץ און עס טונקלט איר שיין!

אַ קנייטש און אַ קריץ איין — אַ קאַרב נאָך אַ קאַרב,
עס פלאַצט און עס פאַלט אָפּ — פאַרבליאַקע פאַרב,
פאַרשטאָפּט זיך דער חומר און קאָרטשעט זיך איין
צעשפילט זיך פונאַנדער נאָך שטאַרקער דער ווייַן.

און אז ס׳טוט דער פראַפּן אַ שים אוים מיט האַסט —
צעפּליוכעט דער ווײַן זיך אויף חוזק און שפּאַס — — —

עס בייגט זיך דער גוף אײַן פאַרשוואַכט און פאַרשעמט,
און ס׳הייבן זיך צאָרנדיק ציטערדיקע הענט:
— וואָס מײַן דו צעקרימסט מיך, — דײַן צלם, — אַלץ מײַן
ביסטו, מײַן באַשעפער, מביש זיך אַליין!...

בילדער

אויף אַ וואַנט
— בילדער צוויי.
פֿרעגט מיין קינד:
— ווער זענען זיי?

— טאַטע־מאַמע.
און עס פֿרעגט:
— איז פֿאַר וואָס
פֿון שטוב אַוועק?
זייער ווייט?
און וואַהין?...

ווערן ווערטער אָן
דעם זין,
און מיין קול
אין קעל פֿאַרשטילט — — — —

— — — כ׳העננ אויף וואַנט
איך בין אַ בילד.
ס׳איז שוין אויך
נאָך מיין גזר־דין,
און ס׳פֿרעגט קינדס קינד:
— ווער איך בין?...

בן-אָדם

געוואָלט כ'האָב אַ בלום זיין, ווי זי פֿאַרביק בליִען,
געוואָלט זיין אַ פֿויגל און פֿריי אַרומפֿליִען,
געוואָלט זיין אַ בוים — זיך מיט פּירות באַנייען —
און מאַלע וואָס נאָך אַלץ — איך וויל נאָך עד היום.

געוואָלט זיין ווי זיי — און פֿון זיי נישט געלערנט;
צי וויל וועלכער בוים עפּעס אַנדערש גאָר ווערן?
דער עפּלבוים, באַרנבוים — ס'פֿאַלט נישט איין קיינעם
צו וועלן אויף זיך אַלע פּירות — אינאיינעם.

עס ווייגט נישט אַ גרעזל: „דער קוסט איז דאָך גרעסער"!
עס מיינט נישט אַ פֿויגל: „זיין אָדלער איז בעסער"!
עס טראַכט נישט די בלום, אַז זי וועט באַלד פֿאַרוועלקן.
בעל-חי און צומח „שומח בחלקו...

נאָר איך אַליין בין אַזאַ בריאה משונה?
די ערד פֿאַר מיין וואָרצל כ'האָב נאָך נישט געפֿונען,
אַ בליאיקער פֿליאיקער פֿלאַנץ אָן אַ באָדן.
— אויף געוועט — אַ ראַקעט אין די רוימען, בן-אָדם...

מחשבות

מחשבות פֿון פֿעדימער, שטריק, צי קאַנאַטן,
דערציִען צו מאָל נישט אַ ברעגזילב צום מויל,
פֿאַרדעקן זיי וואָלטן דאָך מיילן קוואַדראַטן
— ווער דרייט עס און וויקלט פֿונאַנדער דעם קנויל?

אַז טאָג נאָך טאָג וועבט זיך און ס'האַלט אין איין שפּינען.
ווער ווייס ווי אַזוי עס שפּראָצט אויף און צעוואַקסט?
מיט וועלכע פֿאַרהוילענע פֿינגער, מאַשינען,
עס שניידט זיך און בינדט זיך און שפּינט זיך דער פֿלאַקס

ביינאַכט אויך, ווען ס'דוכט זיך — געשמאַק איינגעשלאָפֿן,
עס רוען די אברים זיך אוים פֿונעם טאָג,
צעשווינדלען די שפּולן און שפּינען-אוים שטאָפֿן
פֿון שוועביקע חלום-געוועבן — אָן וואָג

פֿאַר אַלערליי מינים, קאָלירן עס סטאַיען
די רעטעניש-פֿעדים: ווער דרייט עס די ראָד?
עס זאָלן זיך קאָנען כסדר באַנייען
די מחנות-מחשבות אין מוח — מענטש-סוד!...

מיין סנה...

— מיין פֿלאַמיקן סנה — וועל איך שוין נישט געפֿינען,
אַפֿנים — ער איז גאָר אינגאַנצן נישטאָ?
אָן איילֿיקער־ווייליקער פֿונק טוט אַ שימער,
באַפֿינקלט אַמאָל אָט: — אַ חיה שעה...

עס טרעפֿט: ס׳טוט אַ פֿלאַקער, אַ סמאַליע דעם הימל
— דאָס איז ער! און ס׳טוען אַ צי זיך די טריט
מיט קפֿיצת־הדרך — ערשט ווײַ! — ס׳איז אַ שטרויבאַרג! —
און כ׳קער זיך אָפּ מיט אַ פֿאַררויכערט געמיט...

און איך שאַר זיך ווידער דורך שאָטנס־מעת־לעתן,
אָן זון, אָן לבנה, אָן איין שטערנשיין.
— אָ! ווו איז דער בליִאַיִקער בוים פֿון מיין בענקשאַפֿט
וואָס וואָרצלט אין אַלע מיינע אָדערן אריין?...

עס זאָל, מיט אַמאָל זיין אַלצווייגיקער פֿלאַם
אַלע חושים צעצינדן מיט העלישער פֿרייד?...
ווייזט אוים, דער בוים בליט בלויז אין מדבר פֿון חלום
פֿאַרצוימט מיט גרוי־וואָכיקע בערג — אַ קיִיט...

— כאַפּ איך די איינצלנע שיטערע פֿונקען
וואָס שפּריצן אַריבער — פֿון יענער זייט טרוים.
פֿאַלט אַ ליכטזוים ווען אַריין אין מיין האַרצן,
דערזע איך אין דמיון — מיין סנה׳איקן בוים...

איך שייל

איך שייל אַראָפּ פֿון זיך די טעג
און נעכט, — און ס'טוט מיר גאָרנישט וויי;
איך רייס אַראָפּ פֿון מיין געדריי,
לייג-אויס פֿון זיי — צו דיר מיין וועג.

איך פֿלאַסטער גיך און נישט איך פֿרעג
— ווי לאַנג דאַרף ציִען זיך די ריי
פֿון טעג און נעכט, ביז דער שאָסיי
דערפֿירן וועט מיך צו דיין ברעג.

איך שייל, און דער בעל-חשבון וועגט,
ציילט, איינס נאָך איינס, די נעכט און טעג ,
ווי שטיינער פֿון אַ לאַנגער בריק.
ער מינערט, דינערט מיין פֿאַרמעג,
זעגט אונטער מיינע טריט פֿאַר שרעק —
ווען אויף צוריק איך טו אַ בליק!...

ביים אָנהייב ...

איך שטיי נאָך ביים אָנהייב, מיין לייב איינגעהילט איז
אין ליכטיק, טיפֿזיכטיק, לבנה־לבוש.
און אויף מיינע ליפּן — צו דיר אָנגעצילטע
— ווי נאָר וואָס פֿון בינשטאָק — זיסט דיין ערשטן קוש.

עס האָט נאָר מיין אויבערשאָל בלויז אָפּגעשיילט זיך,
פֿאַרלאָזן מיין פֿרילינג לייב ביים ערשטן ברעג.
מיין וואָריקער פֿאַנצער פֿון טרוים אָפּגעטיילט זיך —
אויף וואָכיקע וועגן — שוין ווייט, ווייט, אַוועק...

מיין שאָל איז אַלץ שטאָליקער, שטייפֿער, געוואָרן;
אַ זיכערע דאַמבע פֿאַר שאָטן און שמוץ
וואָס האָט זיך אין שוימיקן שטראָם פֿון די יאָרן
אַפֿילו מיט טראָפּנדלעך טרוימציר באַפּוצט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָר איך — שטיי נאָך דאָרטן — צו דיר מיינע בליקן,
אין דין און פֿאַרחלומט לבנה־לבוש;
אַז אומקערן וועסט זיך פֿון אַלע צוריקן
פֿאַרקלעפּ מיינע ליפּן מיט דיין לעצטן קוש!...

גרונט פֿון מיין ים...

דו קאָנסט זיך אין ראַנדיקע וואַסערן שווימען,
זיך באָדן אין שוים ביי דעם זאַמדיקן ראַנד,
מיט כלערליי קונצן ביים ברעג זיך באַרימען, —
נאָר ווּעסט נישט דערשווימען צום גרונט פֿון מיין ים!

קאָנסט זען מיינע שפּריציקע כוואַליעס פֿון אויבן,
באַניימטע, באַפֿרייטע פֿון פֿעלזיקן צאַם;
דיין ראיה פֿאַרבלענדן, דיין שמיעה פֿאַרטויבן,
פֿאַרהוילן די גרוילן אויף גרונט פֿון מיין ים.

דיר דוכט זיך, די ים־בערג זיך הויבן אין הימלען;
אָקעאַניש, ווּולקאַניש פֿאַרוויסטער פֿלאַם.
דו הערסט נישט, דו זעסט נישט די שרצים וואָסווימלען
און ראַיען אין זומפּיקן גרונט פֿון מיין ים.

די פֿינצטערע ברואים, ווי מאָנסטערס זיי שפּרינגען:
— פֿאַרצוקן! אויף דעם זענען פּיסקעס פֿאַראַן!
דם־דאָרשטיקע, איינע די אַנדערע פֿאַרשלינגען
זיך די בעלי־חי, — אויפֿן גרונט פֿון מיין ים.

דאָרט רייסן און ריַען אויף ריזיקע ציינער,
— פֿון שליימיקן דנאָ אָפּגעזעצטן — דעם סם,
דאָרט מאָלן די אונטערשטע מילן די שטיינער
וואָס פֿאַלן אריין — אין מיין אָפֿענעם ים...

ווילד וואַיעווען די אונטערשטורעמס — מחבלים!
אומזיסט גאָר, איך גאָר און וואָרט: „שיעבר זעם!"
עס מבולט פון ערשטן עד סוף כל המבולען
פון וואָלקנס אַראָפּ — און אַרויף — פון מיין ים...

געראַנגל פון תהו ובוהוּיִקע שטראָמען,
אור חושך, מיטן „יהי אור"! נאָכאַנאַנד
עס שפּאַלטן זיך אין שאול תחתיה-תהום-תהומען, —
עס זינקט איין דער גרונט — אָן אַ גרונט איז מיין ים!...
און דו? —
— באָד זיך ווייטער אין וואַסערלעך שטילע
פּאַליוסקע ביי גאָלד-זילבער-זאַמדיקן ראַם.
אויף פרייד-פּלאַכע ראַנדן — און פּרוּוו נישט אַפילו
אַ בליק טאָן אַראָפּ, צו דעם גרונט פון מיין ים!...

ס׳איז קאַלט...

גוואַלד! דער ווינטער איז פֿון דרויסן
אין מיין הויז אַריין שוין, גוואַלד!
כ׳וואַרף אין אויוון ברעמניעס גרויסע
טרוקן האָלץ — און ס׳איז מיר קאַלט!

כ׳קייקל קלעצער פֿון דערווייטנס,
פֿון געדיכטן, טיפֿן, וואַלד;
כ׳דריי די שייטן נ׳אַלע זייטן
כ׳צינד און צינד און — ס׳איז מיר קאַלט!

כ׳בלאָז און בלאָז מיט אַלע כוחות,
פֿון מיין מויל עס פּייפֿט און קנאַלט
מיט מיין אָטעם איך באַהויך עס
נאָר דאָס האָלץ, עס ליגט זיך קאַלט!

שאַרף איך שאַרפֿער נאָך דאָס העקל
דין און דינער איך צעשפּאַלט
כ׳זעג און האַק, אויף שפּאָן צעברעקל
נאָר אויך שפּענדלעך בלייבן קאַלט!

טרעפֿט, עס שיסט אַרויס אַ פֿלעמל
מיין איך: שוין, אָט אָט־אַ באַלד —
ערשט, ס׳איז בלויז אַ בליץ־געזעמל:
פֿונקען פֿונקען זיך... ס׳איז קאַלט!

קאַלט אַז ס׳פרירן פינגער שפּיצן,
כאַטש ביי אויוון זיי איך האַלט;
— אַז די רויטע פייער שפּריצן
זענען אויך אפילו קאַלט!

גוואַלד, וואָס טוט מען? גיט אַן עצה
פון מיין אָטעם פייער פאַלט
און מיין הויז כ׳קען נישט דערהייצן
און מיין לופט איז פּראַקטיק קאַלט.

איז מיין פלאַם שוין נישט קיין פייער?
איז מיין האַלץ, מיין אויוון אַלט?
אפשר, וואַקסט אַ וואַלד אַ נייער
אָבער מיר איז — ברר! — קאַלט!

יידיש-סאָד

מיינע מחותנים

דאָ אין בוענאָס איירעס, שטיין-שטאָקיקע שטאָט,
פֿאַראַן גאָר אַ זעלטענער, פּרוכטיקער, סאָד.
און ווער ס׳קומט אַהין ווערט אַנטציקט און פֿאַרחידושט,
פֿון די מלא-טעמיקע פּירות פֿון ייִדיש.

דעם ייִדיש-סאָד פֿלאַנצן און פֿלעגן דריי שוועסטער:
די ייִדישרייכע יאָספֿע, חנה און אסתר.
ווייל ייִדישקייט יאָדער אין הארץ און אין מויל —
אַהער געבראַכט האָבן זיי פֿון עבר פּוילן.

און שבת-צו-נאַכט, ווען עס כאַפּט אָן אַ פֿיבער
פֿון תכלית און תוך, אויסגעלייַדיקטע שטיבער;
ווען מענער און פֿרויען מבולבלע, מישן
אין שפּיל איינגעזונקענע — פּעשלעך ביי טישן;

דערביי איבערשטייגן וויל איינער דעם צווייטן,
אויך מיט די מאכלים — וואָס זיי אַלץ פֿאַרגרייטן!
אויף טרינק-און פֿרעס-טישן פֿאַרפֿולט, אָן עין-הרע,
ווען ס׳בראָטן זיך ייִדן אין עבודה זרה;

איז — קומען זיך דעמאָלט די שוועסטער צוזאַמען,
מיט זייערע ייִדיש-צעצווייגטע שטאַמען,
פֿאַרוואָרצלען זיי טיפֿער אין אונדזער יסוד
די יונגיקע ביימלעך אין ייִדישן סאָד.

מ׳זעצט זיך אַרום טיש, מיט כּיבוד באַשיידן;
באַלד שפּראָצט־אויף פון שורש, פון באָבע און זיידן,
אַ מעשה, אַ משל, און באַלד מ׳פּאַרציט
אַ ניגון פון טאַטן, דעם שלימותדיקן ייִד.

פאַרטראַכט זיך די עלצטע: — ווייסטו וואָס, חנה,
זינג ביאַליקס אַ שיר, דו געדענקסט דאָך מסתמה?
נעמט חנה אַ טאָן — מיט בענקשאַפט איר בליק איז,
די ווערטער — זיי טריפן אַרוים מיט מתיקות,
מיט לויטערן זאַפּט אָנגעזאַפּט איז איר קול —
עס ברומען און זינגען שוין אַלע מיטאַמאָל:
די שוועסטער און שוועגערנס, שוואָגערס און ברידער
און זייערע קינדער — אַ שירה בציבור.

צעפלאַטערט פון ייִדיש פאַרפלאָכטענעם ראָד,
צעשירהט זיך ביאַליק „אַ ברונעם אין סאָד",
א. רייזין, ה׳ לייוויק, געבירטיק, — ווער ניט?
עס שטראָמט און עס שפּרודלט אַ ליד נאָך אַ ליד;

עס קייטלט זיך, פלעכט זיך, יהואש און פרץ,
מיט איציקע, נייע, ניגונים פון ארץ.
די גאַמע פון גדולה פון אונדזער גאולה —
מיט כל ישראל אַקאָרדן אַ פולע.

אַזויפיל געסט־דיכטער זיך קומען צונויף,
זיי פילן די שטוב אָן, און שטייגן אַרויף
אויף שטאַפלען־התלהבות, זיך הייבן איניינעם
די ייִדישע סטראָפן צו פענצטער פון שכנים.

דערהערן די שטיינערנע שטאָקן און שטוינען:
— „ס׳אַ לירישע, גבירישע, קלאַנגען אַזוינע!
ווי עכטיש זיי קלינגען! גינגאָלדיק, נגידיש,
אַזעלכע ציר־קלאַנגען פאַרמאָגט דאָס דער ייִדיש?...

און ס׳אייניקל דנילע זאָט קען ניט ווערן;
עס פֿינקלען־אויף אין זיינע אייגעלעך טרערן,
די ליפּעלעך מורמלען נאָך: „אַ גוטע וואָך״!
און ס׳פּליעסקען די הענטעלעך זיינע:
— „נאָך, נאָך״!
עס פֿליסן אין יידיש־סאָד קוואַליקע ברכות:
— „יהי רצון!״, וואָס מערער אַזעלכע משפּחות!

ב. איירעס, 1963

א יי ד ל ש ט יי ן

פֿייל און שלייף בריליאַנטן-שלייפֿער!
פֿייל, און פֿרעג נישט צי ס'טוט ווי.
פֿיר דיין שאַרפֿן שטאָל אַן אויפֿהער;
ביסט דער האַר פֿון איידלשטיין!

מיט דיין דלאָטע פֿייל און פֿורעם!
פֿון פֿאַרשטיינערטן געוויין,
פֿון דער מינע פֿון יסורים
צויבער-אויס דעם איידלשטיין!

אין דער שאַכט טיף, שוואַרץ און הויל איז —
נישט קיין אָפּשיין פֿון אַ פּליין —
שלייף! וואָס פֿינצטערער די קויל איז,
— גלאַנציקער דער איידלשטיין!

ראַטעווע די דימענט — רגעם
פֿון צעשטויביקן פֿאַרגיין!
פֿייל אַרום די קרומע ברעגעס
פֿאַרן דויער — איידלשטיין!

שנייד-מכשירים האַלט דיין האַנט, און
טראָפּנס טריפֿן בלוט און ביין;
און עס בליצן אויף די קאַנטן:
שפּיגלדיקער איידלשטיין.

שלייף און שוויג!
נאָך מער פֿאַרטיפֿן
זאָלסט די פֿייל! און איך אַליין,
אויף מיין פֿיינראַד אויסגעשליפֿן,
האָב אַצינד דעם — איידלשטיין...

כרחם אָב

„כרחם אב על בנים",
„כרחם אב"...
„כי"...

פּרץ סטאָליערמאַן איז געזעסן מיט זיינעביידע עלנבויגנס אָנגעשפּאַרט אויפן אַלטן שווערן שרייב־טיש, און דער לויטערער טאַטע־פּסוק „כרחם" איז געפלאָסן אין אַלע זיינע אָדערן. אין משך פון איבער צוויי צענדליק יאָרן, איז דער פּסוק געווען ווי אַ שטראָם פון אַ פרישן קוואַל, וואָס האָט אים אָנגעטרונקען מיט מחילה, געדולד און אויסדויער צו זיינע ביידע אונ־טערוואַקסנדיקע זין.

אָט דער רחמים ריזלדיקער שטראָם, וועלכער האָט אים געגעבן מוט אין די שווערסטע מאָמענטן פון זיין לעבן, האָט איצט אָנגעהויבן צו ווערן שמעלער און קירצער פון מינוט צו מינוט. אָט־אָט, האָט זיך אים אויסגע־וויזן, טריקנט שוין אויס זיין לעצטער טראָפּן:

— „כי"...

אויף זיין רעכטער האַנט האָט פּרץ אָנגעשפּאַרט זיין מידן קאָפּ, אַרומ־געריפּלט מיט זיינע האַרטע פינגער. דערביי האָבן זיינע בליקן, עקשנות־דיק באַטראַכט, ביידע קורצע שטיקלעך, אָפּגעהאַקטע פינגער פון זיין לינ־קער האַנט, ווי ער וואָלט עס ערשט איצטער דערזען.

מיטאַמאָל האָט פּרץ אויף כוח אָפּגעריסן זיינע בליקן פון דער צעקאָ־לעטשעטער האַנט און זיך אַ לאָז געטאָן מיט זיי פאָרויס, איבערן ריזיק־גרויסן רחבותדיקן זאַל, ביז צום סאַמע פראָנט פונעם שוי־פענצטער, וועל־כער האָט זיך אויסגעצויגן אַזוי ברייט און הויך, אַז עס האָט פאַרנומען די גאַנצע וואַנט, — צו דער גאַס אַרויס, — און באַלד, געפירט די בליקן צוריק איבערן גאַנצן געשעפט, ווו עס שטייען אויסגעשטעלט צום פאַרקויף די אַלערליי סאָרטן, לעצט מאָדישע קאָמפּלעטן פון לוקסוס־מעבל.

צווישן אָט די טייערע, פריש געפּוצטע, גלאַנציקע מעבל־שטיקער, מיט די ליכטיק געשליפענע שפּיגלען, האָט אויסגעזען נאָך מערער איינגעשרומפּן זייער פאַרפרי געעלטערטער באַלעבאָס.

בעת פון די מעבל־שטיקער האָט מיט גדלות און שטייפקייט אַרויס־געשריגן זייער נייקייט און יונגשאַפט, האָט די הויט פון זיין אָפּגעצערטן און באַ׳צער׳טן פנים זיך געקנייטשט אין אַן אַ שיעור פיצינקע פעלדעלעך, אַז ס׳האָט זיך אויסגעדוכט: אָט־אָט וועט זיך זיין גאַנצער פנים פונאַנדערפאַלן...

אין יעדן איינעם פון זיינע שפּיגלען, ווו פרצס בליק האָט זיך נאָר אויף אַ רגע פאַרהאַלטן, האָט באַלד אויפגעשפּילט אַ שמייכעלע פון חוזק און שאָדנפרייד — „נאַ, דו ווילסט זען ווי דו זעסט אויס? נאַ, און האָב הנאה דערפון! כע־כע־כע!...

— ראַ־אול! — האָט פרץ פלוצעם אַ ברום־געטאָן, דערזעענדיק ווי ס׳געהילף־יינגל נעמט זיך ווידער אַרומפּוצן אַ נאַר־וואָס פאַרענדיקטע שאַפע.

— איך האָב דיך געשיקט, צי נישט?

— „סי סעניאָר״, איך האָב זיי שוין געזאָגט, אייערע זין, זיי דאַרפן פּרי׳ער...

— נו, איך וואַרט דאָך!

— סי סעניאָר... זיי דאַרפן פּרי׳ער ענדיקן איינאָרדענען דאָרט דאָס מעבל, נאָכדעם וועלן זיי קומען אַהער, צו אייך.

— ראַ־אול! — האָט פרץ אַ ביס געטאָן די אונטערשטע ליפּ און זיין רעכטע האַנט האָט פאַר כעס אַ דריי געטאָן דער לינקער, אַ ריס געטאָן זיינע פאַרבליבענע גאַנצע דריי פינגער...

— ראַ־אול! איך וואַרן דיך; לויף גיך און נעם ביי די קינדער די שליסל פון דער קאַסע!

— סי סעניאָר! שוין געזאָגט, זיי ווילן נישט געבן מיר, זיי ווילן ברענ־גען אַליין.

— גיי און זאָג זיי, דער מענטש דאַ, דו זעסט אים? ער האָט נישט קיין צייט צו וואַרטן מער!...

בערנאַרדאָ וויינשטיין, וועלכער האָט די גאַנצע צייט כלומרשט גע־לייענט די צייטונג, האָט זיך ראַפּטום געגעבן אַ הייב־אויף פון זיין בענקל:

— פרץ, איך בעט אייך, איך בין נישט געקומען ספּעציעל אויפמאָנען דעם חוב, נשקשה, אַן אינסטיטוציע קען צוואַרטן, ס׳נישט מסוכן, באשר

כ׳בין דאָ פאַרבייגעגאַנגען און אייך דערזען, בין איך אַריין, כ׳וועל קומען אַ צווייט מאָל, לאָזט שוין אָפּ! נישט כדאי.

— ס׳יאָ כדאי! — האָט פּרץ אַ זעץ געטאָן מיט דער רעכטער פויסט אויפן שפּי־ך־טיש, — זיי דאַרפן וויסן, אַז אויך אייער צייט, אייער גאַנג, אייער שליחות איז נישט הפקר!

— נו, מילא, ס׳מאַכט זיך אַ מאָל איז מען זייער איילִיק צו פאַרענדיקן עפּעס אַן אַרבעט.

— אָבער די שליטלען קענען זיי דאָך יאָ צושיקן!...

— איך... איך, — האָט בערנאַרדאָ אָנגעהויבן שטאַמלען, — איך וועל אייך זאָגן, ע, וויפל יאָרן קענען מיר זיך שוין?

— שוין באַלד אפשר אַ דריי צענדליק.

— איז... איז... ע, איך ווייס דאָך יאָ ווי שווער איר האָט געהאָרעוועט אַלע יאָרן און איר האָט דאָך אויפגעבויט דאָס־אָ. אַלצדינג איז... ע!...

ווי קומט עס? איך הידוש זיך זייער, ווי?... ווי אַזוי גיט מען עס אײַבער פאַרן לעבן די שליסל?! אַט, נעמט נישט פאַר אומגוט, מיין מיינונג... נאָר אַז איר אַליין זאָלט נישט קענען עפענען די קאַסע פון אייער געשעפט, איז דאָך דאָס עפּעס נישט צום גלויבן!

— יאָ, יאָ, איך האָב זיך באַנאַרישט!...

און פּרץ האָט זיך געטאָן אַ זעץ אַראָפּ אויף זיין בענקל, ווי אַלע זיינע כוחות וואָלטן מיט איינמאָל אויסגערונען... — ווען מיין לייטשע ע״ה האָט מיך פאַרלאָזן — האָט ער שטיל אַרויסגעזיפצט — און כ׳בין געבליבן מיט די ביידע בנימלעך, מיינע יתומימלעך, האָב איך במחשבה אַ נדר געטאָן: זיי נישט צו געבן קיין שטיפמאַמע.

— אַלע באַקאַנטע האָבן זיך טאַקע געוואונדערט אויף אייך, הלמאי איר מאַטערט זיך אַזוי שטאַרק, איינער אַליין מיט ביידע ברעקלעך... איר זענט דאָך נאָך געווען אַזוי יונג און שיין דעמאָלט...

— יאָ, ס׳האָט מיך געפּאַנגען און געפּענטעט דער אחריותפולער פסוק: „כרחם אב אל בנים״... אַ „פאָטער האָט רחמנות אויף זיינע קינדער״. אָבער, פאַרקערט?...

— ניין, אַזאַ פסוק איז נישטאָ אין ערגעץ... האָט איר זיי מיט געטריי־שאַפט דערצויגן און נאָכגעגעבן ווי אַ טאַטע און אַ מאַמע.

— אַלץ הייסט נאָכגעבן? קיין שום זאַך איז פאַר מיר נישט געווען צו

שווער, נישט צו טייער, אַבי מיינע קינדערלעך זאָלן נישט דערפילן אַז עס פעלט זיי די מאַמע.

— אָבער, דערלויבט מיר, ווי אַן אַלטער גוטער פריינט, איך קום אַריין אין אַזוי פיל הייזער, אַזוינס האָב איך נאָך נישט געהערט, אַז איר! זאָלט נישט האָבן קיין צוטריט צו אייער קאַסע. נישט האָבן קיין שליטה איבער אייער...

— וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? — האָט פרץ שטיל אַריינגעשיפּעט אין זיינעביידע אויפגעהויבענע הענט, וועלכע האָבן אים אונטערגעהאַלטן פאַר דער גאָמבע, ס'פנים זאָל נישט אַ פאַל טאָן אויפן טיש. — דאָס איז געשען דאָ נישט לאַנג, זיי האָבן זיך אַרומגעזען, אַז איך פיר נישט גוט דאָס געשעפט...

— ביז אַהער האָט איר געקענט? אָנגעהויבן פון אַ קליין וואַרשטאַטל, געאַרבעט אַזוי שווער ביי דער סטאָליערריי אַזוי פיל יאָרן און איצט, אַז ס'איז שוין אַן עין־הרע...

— אַזוי איז עס! איצטער קענען זיי שוין בעסער! אויסגעוואַקסן, מיך אַריבערגעוואַקסן!... בין איך צופרידן דערפון, מיר ווילן דאָך, אַז די קינ־דער זאָלן זיין געראָטענער, אונדז אַריבערשטייגן... מיטאיינמאָל טוען זיך ביידע אַ שטעל אַוועק אַנטקעגן מיר:

— טאַטע, ס'טויג נישט! דו צעפּאַטערסט אינגאַנצן! גיב אונדז איבער, און מירן פירן אויף אונדזער נייעם מאָדערנעם אופן, דו גיסט די שליסל? אָדער —

— אָדער וואָס?

— אָדער מיר לאָזן דיך איבער, מיר פאָרן אַוועק פון דאַנען!

— נו?

— נו? צוליב דעם האָב איך מקריב געווען מיינע יונגע בעסטע יאָרן, איך זאָל אויף דער עלטער בלייבן אַן עלנטער, איינער אַליין? און מאָלע וואָס יונגע יאַטן קאָנען אָפּטאָן? אַליין אין דער פרעמד, קאָנען זיי נאָך חלילה פאַרבלאָנדזשען, זיך פאַרפּלאָנטערן און זיך תּערמישן מיט אַ נישט־אונזעריקער...

— אָבער, אָבער, — האָבן געציטערט בערנאַרדאַס הענט — פון וואַנען האָט זיך גענומען צו זיי אַזאַ בייזע באַציִונג צו אייך, צו אַזאַ געטרייען טאַטן?

— פון וואַנען? כ'ווייס אַליין נישט. כ'וואָלט זיך עס קיין מאָל נישט

פאַרגעשטעלט, אַז מײַנע קינדער, װעלכע האָבן צוגעזען פון קלײנװײז אָן, אַז קײנער, קײנער, גײט קײן מאָל נישט אַרױס פון מײַן שטוב מיט לײדיקע הענט און גאָט צו דאַנקען, מיר װערן נישט אָרעמער דערפון, נאָר אדרבא, דװקא פאַרקערט — עס װאַקסט אונדזער פאַרמעגן.

— װו? װו האָבן זײ עס געלערנט?

— ראַ־אול? ראַ־אול!!! — האָט פּרץ פּלוצעם זיך פונאַנדערגעשריגן, װי אַ טרינקענדיקער: — „גװאַלד! ראַטעװעט" גיך; ברענג מיר די שליסל!!!

בערנאַרדאָ האָט אים אַרומגעכאַפּט אַרום די אײנגעפאַלענע אַקסלען און געפּרװט אים אַװעקזעצן אױפן בענקל, באַרױקן מיט אַ מילדן מיושב־דיקן קול:

— איך בעט אײַך, מײַן ליבער פרײַנד, לאָזט עס שױן אָפּ, ס'אַ קלײניקײט, כ'על אַרײַן אַן אַנדערש מאָל, איך װיל נישט, אַז צוליב מיר...

— ס'איז צוליב מיר! — האָט ער פאַרבײַלט זײַן לינקע האַנט מיט די שטיקלעך אָפּגעהובלטע פינגער — צוליב מיר! צוליב מיר!...

— „קע האַי", װאָס איז? װאָס שרײַסטו אַזױ — איז אַנגעגאַנגען מיט פעסטע ברײטע טריט דער עלטערער זון מיגעל, מײנסט, אַז ס'גײט צו פּרעס־טיזש און פּראָפּאַגאַנדע דעם געשעפט? הע? שרײַט! ס'נאָך גוט, װאָס עס זענען איצט נישטאָ קײן קונים!...

בערנאַרדאָ האָט דערזען זײַן אַטלעטישע פיגור און אַ טראַכט געטאָן:

— „מאָדנע, פון אַזאַ אײַנגעדאַרטן טאַטעלע איז אױסגעװאַקסן אַזאַ־אַ בנאָק! נו, אװדאי, אַז ער האָט די גאַנצע גערעטעניש פון צענדליקער יאָרן פּראַצע אַרײַנגעקנאָטן אין זײַ!".

— צו װאָס דאַרפסטו די שליסל? װאָס איז שױן װידער? — און ער האָט מיט רוגזה אַ קוק געטאָן אױף בערנאַרדאָן — צוליב יעדער נאַרישקײט רײַסטו אונדז אָפּ פון דער אַרבעט, צעשטערסט דעם סדר!!!

— ס'איז נישט קײן נאַרישקײט — האָט זיך פּרץ באַצװונגען, פאַר־האַמעװעט זײַן צאָרן־אױסגוס און באַמיט זיך אױפצוקלערן זײַן זון: — דעם סעניאָר בערנאַרדאָ קען איך נאָך אײדער דו ביסט געבױרן געװאָרן, ער גיט אַװעק זײַן צײַט און כּוח אױף זײער אַ װיכטיקן ײדישן צװעק, דאַרף מען אַנטקעגן קומען װי ס'געהער צו זײַן און באַצאָלן.

— פּפּפוף! ײדישער צװעק! — האָט מיגעל אַ פײַף געטאָן — װיכ־טיקער צװעק! װאָס איז בײַ דיר נישט װיכטיק? װיכטיקער פון אַלץ איז דאָס געשעפט.

— נו, ס'געשעפט, מיין זון, האָב איך שוין באַוואָרנט...

— נו, שנעל! ס'אַלטוואַרג קאָן זיך שוין פאַרגינען צו פאַטערן צייט — נישט מיר! — וויפל וויל ער?

— נישט „ער", נאָר איך! איך האָב צוגעזאָגט.

— וויפל!...

— גיב זיי טויזנט פעזעס.

— טויזנט פעזעס? — האָט מיגעל אַ פאָכע געטאָן מיט די שליסל — וואָדען? אַז דו ווייסט נישט, וואָס ס'טוט זיך היינט אין דער קאָמערץ — טויזנט!!! וואַרפט זיך מיט טויזנטער!

— איך האָב צוגעזאָגט אויסצוצאָלן מאָנאַטלעך. ס'איז אַ מאָראַלישער וועקסל! מ'מוז! — כ'בין שוין דאָרט אַ מיטגליד, נאָך איידער...

— נאָך איידער איך בין געבוירן! כ'ווייס שוין, כ'ווייס עס שוין. ס'ליגט שוין מיר דאַ־אָ. און ער האָט אַ וויץ געטאָן, ווי אַ ביין אין האַלדז.

— מי־געל! — האָט זיך פּרץ אַ הייב געטאָן און פאַרשטשימעט די ליפּן, ווי פון אַ שאַרפן צאָן־ווייטיק...

מיגעל האָט אויפגעשלאָסן די קאַסע, אַרויסגענומען אַ טויזנטער און זיך געווענדעט צו בערנאַרדאָן: — איר האָט רעשט פינף הונדערט? מ'קאָן נישט מער.

— ניין, — האָט בערנאַרדאָ געענטפערט — כ'האָב גראָד נישט ביי זיך...

מיגעל האָט אַריינגעלייגט דעם טויזנטער צוריק אין קאַסע אַריין און פאַרשלאָסן, און ער האָט גענומען זוכן אין אַלע זיינע קעשענעס, אַרויסגע־שלעפּט אַ פּאָר הונדערטער, פּופציקער, צענערלעך, דערלייגט עטלעכע איינ־צלנע פעזעס, און אַוועקגעלייגט אויפן ברעג־טיש לעבן בערנאַרדאָן:

— אָט דאָ, האָט איר 500 פעזעס, און ער איז אייליק אַוועק, שפּרייזנדיק מיט האַסטיקע טריט.

איך... האָט בערנאַרדאָ קוים, קוים צונויפגעשטוקעוועט עטלעכע ווער־טער — איך גיב... איך גיב אייך, סיי ווי סיי, די קבלה אויף טויזנט. איך וועל דערווילע אויסלייגן פאַר אייך...

— יאָ, יאָ, יאָ! געזונט זאָלט איר זיין! ר' בערנאַרדאָ — האָט פּרץ אַ כאַפּ געטאָן זיין האַנט, איך, איך וועל אייך שוין אָפּגעבן, איך, איך דאַנק אייך זייער, זייער שטאַרק!...

פּרץ איז געבליבן זיצן אויף זיין בענקל. נישט אַרויסבאַגלייט אים ביזן

טיר, ווי שטענדיק. ער האָט געהאַלטן די קבלה אין האַנט, געפּרווווט איבער־לייענען דעם אַלטן באַקאַנטן כתב און נישט געקאָנט בשום אופן. פאַר זיינע פאַרמאַכטע אויגן, האָט זיך באַוויזן דאָס צאַנקענדיקע יונגע געשטאַלט פון זיין לייטשע ע״ה. און אין זיינע אויערן האָט אויפגעקלונגען איר לעצט געבעט:

— „פרצל, היט מיר אָפּ די קינדערלעך!״

— „די קינדערלעך״ — האָט פרץ נאָכגעמורמלט. — „די קינדערלעך״... אַוודאי, זיי זענען נאָך קינדערלעך, און, דער קאָכעדיקער כעס, וואָס איז אים געהאַט באַפאַלן אַ ווײַלע פריִער, וועלכע האָט פּלוצעם פאַרוואַנדלט דעם פּסוק אין אַ שאַרף שניידנדיקן קאַנטשיק, וועלכער האָט אים געקאַטעוועט און געשמיסן איבער זיין גאַנצן לייב:

— אָט־אָ האָסטו דיר; „כרחם אָב על בנים״! — און: נאַדיר פאַר „כרחם אָב״... און נאַדיר! נאַ דיר! נאַדיר!...

דער פריִערדיקער פּראָסטיק־סמאַלענדיקער צאָרן, גייט זיך איצטער פונאַנדער, ווי אַ קויל שניי קעגן דער וואַרעם אויפגעשיינטער זון... פון פּרצעס פאַרטריקנטע ליפּן טוט זיך אַ ריס אַרויס אַ שלוכץ; דער קוואַל איז ווידער אויפגעשטאָפּט — און ער דערפילט פון דאָס ניי, ווי עס ריזלט אויף אין אים יענער חסד־פולער שטראָם, וואָס טריפט און קאַפּעט אַראָפּ — אויסגעמישט מיט זיינע הייסע טאַטע־טרערן — אויף זיין אַלטן שרייב־טיש — דער געטרייער שטומער עדות פון זיין עלנט:

— „כי־אי...

כ־ר־חם אָב...

„כרחם אָב על בנים״...

מאַמע? טאָכטער?

קלאַראַ איז לויט איר געוווינהייט געלעגן אינעם ברייטן בעט אויף דער רעכטער זייט,ביים ברעג, ווי זי וואָלט געווען האָבן אַריינגעוואַקסן אין דעם טייל פונעם מאַטראַץ.

ממש אַ פאַרגליווערטע איז זי געלעגן, נישט אַ ריר געטאָן אַ גליד, ווי זי וואָלט מורא געהאַט אַ רוק צו טאָן זיך פונעם אָרט, כדי נישט אָנצורירן די ליידיקייט פון דער אַנדערער העלפט בעט, ווי דאָרטן וואָלט געלעגן אַ געפערלעכער חולה, וועמען דער מינדסטער באַריר קאָן פאַראורזאַכן די פיינלעכסטע יסורים, די גרעסטע סכנה...

זי איז געלעגן, ווי אַ פאַרשאָטענע, אונטער אַן איינגעפאַלענעם באַרג און אין איר מוח האָבן זיך געראָיעט גלי־מחשבות:

— ווי לאַנג איז שוין דאָס אָרט נעבן איר ליידיק?... וויפל וואָכן, מאָ־נאַטן? צי אפשר יאָרן?...

טייל מאָל ווייזט זיך איר אויס, אַז ס'איז שוין אַן אייביקייט! און טייל מאָל —

קלאַראַן דאַכט זיך אויס, אַז ערשט נעכטן, יאָ, נעכטן אין דער זעל־בער צייט, האָבן זיך, פון דעם איצט ליידיקן שטח, געצויגן צו איר אַ פּאָר צערטלדיקע הענט און זיס־פליסטערנדיקע רייד האָבן אויפגעשפּילט פאַר אירטוועגן גאַמעס, פול מיט מוט און גלויבן — אַזוי פיל ביטחון־פּלענער! פּלענער און פּלענער אויף מאָרגן! מאָרגן!... מאָרגנס אָן אַ סוף!...

און מיטאַמאָל — איז דער „מאָרגן" געוואָרן אַ „נעכטן", אָן אַ נייעם מאָרגן. ווען איז דאָס געשען?...

אַלץ איינס, דער בעסטער „איצט" טוט אַ בלענד־אויף אַ רגע און פאַר־שווינדט, רינט אויס ווי אַ הויפן וואַסער צווישן די פינגער. דאָס העכסטע געגאַרטע גליק? עס גייט פאַריבער און גייט ווידער אַריבער, אינעם חלום אויף צוריק...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיט אַ מאָל דערהערט קלאַראַ דאָס פריילעכע געפּליעסק פון אַ שטראָם ברויזיק־שפּרודלדיקע טענער: אַ שטיפעריי, אַ קושעריי באַגלייט פון אַ קלינגענדיק געלעכטער — פליִען אַרויס פון אָפענעם פענצטער, פון דער־נעבנדיקן צימער. יונגע, האַסטיקע שטראָמען כוואַליען אַריין אינעם זעלבן גאָרטן, וווּהין עס רייסן זיך קלאַראַס שטילע זיפצן.

— נו, גאָט צו דאַנקען! — טוט קלאַראַ אַ שלונג אַראָפּ אַ גליוועך־קנויל אין איר האַלדז — אַבי מיין טעכטערל האָט שוין מיט מזל איר אויסדער־ווילטן! געטעניו, נאָר אויף לאַנגע־לאַנגע גליקלעכע יאָרן! — און עס טריפן טראָפּנס נחת און היילן די בראַנדיקע ראַנדן פון איר שרפהדיקער פוסטקייט...

קלאַראַ האַלט זיך איין, נישט אַרויסצולאָזן אַ קרעכץ, און זי וויקלט זיך איין טיפער, טיפער אין איר טרויער, נאָר אירע מאַמע־געפילן טוען זי אַלע ווילע אַ הייב־אויף פון דאָס ניי, אַ כאַפּ אָן און זיי וויקלען אַרום איר די מונ־טערע קלאַנגען, וועלכע פליִען נאָכאַנאַנד פון די פריש אויפגעפראַלטע יוגנט־פאַנטאַנען.

— גאָט צו דאַנקען — מורמלען קוים קלאַראַס טרוקענע, פאַרחלשטע ליפן און אירע זיפצן טונקען זיך אין דער פאַרגיטיקונג פונעם אויפגע־שפּילטן חסד:

— דאָס גליק פון אירע קינדער.

— נו, יאָ, אַצינד, שפּילט שוין אויף דער זיוווג־אָרקעסטער דאָרט, אין יענעם יונגן חדר!...

די לבנה טוט אַ בליק אַריין אין קלאַראַס פענצטער, מיט אַ פאַרכמו־רעטן פנים, מיט שוואַרץ צונויפגעצויגענע ברעמען:

— איצט, שיק איך מיין ליכט פאַר זיי!

— דו? דו האָסט שוין דיין חלק געהאַט!...

— איך ? ! ווען ?... און קלאַראַס מידע מחשבות קנוידערן זיך צונויף אין איין פינצטערן קנויל, אין וועלכן עס בלאָנקעט נאָך אַרום אַן איינ־ציקער פונק:

— איך האָב שוין געהאַט, געהאַט, ווען? ווען?

און מיטאַמאָל בלאָזט זיך פונאַנדער דער לעצטער פונק און אין קלאַראַס פאַרמאַכטע אויגן ציבדן זיך אָן ליכט־פּראָזשעקטאָרן, זיי וואַרפן זייער שיין איבער צענדליקער פאַרגאַנגענע יאָרן, און זי דערזעט זיך ווידער ביי טאַטע־מאַמע אין דער היים, אין איר בלי־ענדיקער יוגנט: — קלאַריטאַ!...

— איז וועלכע בין איך? די איצט מידע, דערשעפּטע מאַמע? צי די

קלאַריטאַ פון אַמאָל, די לוסטיק־לאַכנדיקע? בין איך איצט דאָ, אָדער דאָרטן? ווער בין איך:

— די מאַמע, צי די טאָכטער?...

קלאַראַ ניורעט זיך איין, וויקלט זיך אַריין טיפער אין דער ווייכער, וואַרעמער פוכענער קאָלדרע, ווי זי זאָל זיך וועלן באַשיצן פון דער פלוצעם אָנגעווייעטער קעלט. זי דעקט זיך אַריבער איבערן קאָפּ, פאַרפּאַנצערט זיך אַרום און אַרום און אירע ליכט־פּראָזשעקטאָרן, שפּרייזן און שפּרינגען אַהין און צוריק:

אָט אָ דערזעט זי זיך דאָרטן, די יונג־פלאַטערנדיקע טעכטערל קלאַריטאַ, און אָט איז זי דאָ, ליגנדיק אין בעט, אָן שטרעבונג, אָן ווילן, ווי דעמאָלט איר אייגענע מאַמע...

מיין מאַמע, דאָרט? צי דאָס טעכטערל, וואָס איז איצט אַריבער אַהער — אין דערבייִיקן צימער?... וועלכע בין איך?

מיטאַמאָל שטעלן זיך אָפּ די פּראָזשעקטאָרן דאָרטן, און עס שיינט אויף אַן אויסגעשטערנטע, צעזומערטע לבנה־נאַכט. — — —

קלאַריטאַ שמועסט, שטיפט און לאַכט, זי פאַרברענגט מיט איר אויס־דערוויילטן בחור, דעם צוקונפטיקן חתן, אָט דאָ, אין דערבייִיקן צימער, — און אין בעט ליגט איר פאַרפרי־צעקנייטשטע אויסגעהאָרעוועטע מאַמע... אין פּאָדערזאַל ברויזן אויף די צערטלעכסטע זיסטע קלאַנגען; אַ פולער אַ גאַנצער אָרקעסטער שפּילט אויף אַ מתיקותדיקן מזמור, צו וועלכן עס פאַלן צו, מיט איין אָטעם, צוויי יונגע, דורשטיקע נאָך ליבע הערצער...

אינעם פּאָדערזאַל, אַ באַלויכטענער דורכן ברייט־צעעפנטן פענצטער — מיט דורכזיכטיק לבנה־שיין — טאַנצן אַרום איבער די ערשטע, עכטע זיידפעדעם, צוויי פּאָר הענט מיט פלינקע, פיבערנדיקע פינגער און שפּינען נאָכאַנאַנד די לאַנג דערוואַרטע, געגאַרטע געוועבן פון לעבן — יעדע רגע איז דאָרט אַ בריליאַנט; יעדער בליק — באַצויבערנדיק; יעדעס וואָרט — אינטערעסאַנט און אַיעדער באַריר איז אַזוי געשמאַק, ווי האָניק קלעפּיק און זיס און — פלוצעם טוט זיך דאָס שטאַרקסטע געוועב אַ ריס — אַ פרעמדער פאַלשער טאָן האָט זיך אַרייַנגעשניטן אין דער אומ־ענדלעכער ליבע־סימפאָניע.

— אוי! — טוט קלאַריטאַ אַ צאַפּל אויף — דאַכט זיך, דער מאַמעס קרעכץ?! — זי טוט זיך אַ גליטש אַרויס פון זייַנע אָרעמס, אַ לויף אַריין אין שלאָפצימער:

— מאַמעלע! דו פילסט זיך עפּעס נישט גוט?

— אָט, באַמיט זיך די מאַמע נישט איבערצושרעקן די טאָכטער, נישט צעשטערן איר אויסחלומטע פרייד — כ׳בין נאָר אַביסעלע מיד...

— מאַמע, — טוט קלאַריטאַ אַ צינד אָן דאָס לעמפּל אויפן נאַכט-טישל

— פאַר וואָס ליגסטו אין דער פינצטער? קום אַרויס פון בעט! קום מיט אונדז אין זאַל, לאָמיר פאַרברענגען אינאיינעם! וועסט הערן ווי שיין און קלוג, ווי אינטערעסאַנט ער דערציילט פון — — — מאַמעלע: פאַר וואָס לייגסטו זיך אַזוי פרי שלאָפן?...

— מיין קינד, — וויספּערט דער מאַמעס מידער קול — זיי נישט באַזאָרגט, ערגער זיך נישט!

— גיי טאָכטערקע, גיי. פאַר מיר איז די בעסטע פאַרברענגונג דאָס בעט! רוען, רוען, אויסרוען די מידע ביינער.

— טוט דיר עפּעס ווייַ?

— עט! — מורמלט די מאַמע! — ס׳איז גאָרנישט. כ׳ווייס, „עפּעס״...

— „עפּעס״... — און דער „עפּעס״ קלינגט ווי „אַלץ״.

קלאַריטאַ טוט אַ קוק דורכן פענצטער און באַלד צוריק — איר בליק טרעפט זיך מיט איר מאַמעס אָפּגעצערט פּנים. דערבייַ שפּירט זי ווי אומגעדולדיק עס וואַרט אויף איר אין פאָדערזאַל איר באַשערטער, און קלאַריטאַ בלייבט שטיין אַ ווילע אומאַנטשלאָסן — פאַרקלערט און פאַרטראַכט:

— ווי אַזוי קען דאָס געמאָלט זיין? ווי קען גאָר עפּעס ווייַ טאָן אין אַזאַ פריידפולע נאַכט ?!...

אַ גביר

אין איינעם אַ פרילינג־פרימאָרגן איז בערל בענדערסקי, געשטאַנען פאַרן קליינעם וואַנט־שפּיגעלע אין זייער איינציקן חדר, און זיך זאָרגפעל־טיק אַרומגעראַזירט, דערביי האָט ער אונטערגעברומט אַן אַלט־באַקאַנטן ניגון, אַ פרילינג־ליד פון אַ מאָל.

— אַזוי האָב איך דיך ליב, — האָט אים זיין ווייב מלכהלע, אַלע מאָל געזאָגט,ביים צוטראָגן אַ פרישע הייסע מאַטע.

— היינט, מיין ווייב, איז פאַראַן פאַר וואָס צו זיין אין אַ גוטער שטי־מונג.

— דהיינו? — האָט מלכהלע פאַריסן איר קאָפּ אַרויף צו איר הויך־געוויקסיקן מאַן, — מיט וואָס איז דען היינט אַנדערש ווי אַלע טאָג? דו גייסט אַרויס יעדן פרימאָרגן צו דער אַרבעט.

— היינט, איז גאָר אין גאַנצן אַן אַנדער זאַך. באשר דו ביזט שוין נעכטן איינאָוונט געשלאָפן בעת איך בין געקומען אַהיים. טו נאָר אַ קוק אויף דער רשימה אויפן טיש.

— וואָס? מ׳האָט דיר שוין איבערגעגעבן די נייע צוגעזאָגטע מיטגלי־דער־רשימה?

— טו נאָר גוט אַ קוק, מלכהלע, ביסט אַ מבין אויף דעם? דאָס איז דאָך דער רייכסטער געגנט אין אונדזער שטאָט...

— איז מיינסטו, אַז...

— איך מיין? ניין, איך בין זיכער! דו האָסט אַן אַנונג וויפל די דאָ־זיקע מענטשן צאָלן? זיי זענען דאָך פּראָטעקטאָרן! יאָרן־לאַנג לויף איך נאָך דער פאַרוואַלטונג און רייד און בעט זיך ביי זיי, מ׳זאָל מיך באַשטימען אַלס אינקאַסענט פון אַ טייל גבירים. פונעם פּראָצענט וואָס עס פאַלט אויס אויף מיין חשבון, קען איך פאַרדינען אין איין טאָג מערער, ווי אַ גאַנצן מאָנאַט אַרומגייענדיק צווישן די קבצנים...

— פון מיינטוועגן, מיין מאַן, — ציט אויס מלכהלע איר האַנט מיט דער מאַטע אין דער הויך, — וואָלסטו זיך נישט געדאַרפט אָנשטרענגען נאָך מער. וואָסי? ס'פעלט אונדז דער פּרנסה? אַבי געזונט! די טאָכטער האָבן מיר שוין אויסגעגעבן מיט מזל, און פּאָר אונדזביידן איז איבערגענוג!

בערל טוט נאָך אַ צי פון דער געשמאַקער באַטעמטער מאַטע און וואַרפט אַ בליק דערביי אויף זיין געטריי ווייב, וועלכע שטייט און וואַרט ביז ער וועט ענדיקן דעם לעצטן צי מיט אַ „קנאַק", און אויף איר פּנים ווערט אויסגעגאָסן אַ צעשמייכלטע הנאה... בערל באַמערקט ערשט איצטער ווי שיין און ציכטיק ס'איז אויפגעראַמט זייער איינציקער שלאָף־ און עס־צימער און ער טוט אַ טראַכט:

— הום, טאַקע אַ בריה מיינע! ווען האָט זי שוין באַוויזן אַזוי אויפצו־ראַמען? אַ געזונט אין אירע ביינער.

אַז בערל בענדערסקי, דער לאַנג־יאָריקער אינקאַסענט פון אַ גרויסער יידישער אינסטיטוציע, איז שוין געזעסן אין אויטאָבוס, איז ער פלינק איבערגעלאָפן מיט די אויגן די נייע אַדרעסן־רשימה און באַשלאָסן אָנצו־הויבן פון די גרעסטע — פון דער „אַווענידע ליבערטאַדאָר סאַן־מאַרטין" אין די דריי־טויזנטער. ער האָט באַלד איינגעזען, אַז ער מוז גיין אַ היפּש ביסל קוואַדרעס צופוס, מחמת קיין שום „קאָלעקטיווע" פאָרט נישט צו ביז אַהין... ווייזט אויס, אַז די איינוווינער פון דאָרטן נויטיקן זיך נישט אין דעם...

און בערל האָט טאַקע באַלד דערזען, ווי פון די לוקסוס־גאַראַזשן פאָרט אַרויס יעדער איינער מיט זיין פּרעכטיקן אויטאָ: אַ מאַן, אַ פרוי, אַ מיידל. אייניקע זעען נאָך אויס אַזוי קינדיש־יונג און זיי פירן שוין אָן מיט אַ שפּאָגל נייע מאַשין, וואָס איז אַזוי ברייט און לאַנג־געראַמער פון זייער חדר...

זיין ערשטן קבלת־פּנים האָט בערל באַקומען אויפן פינפטן שטאָק. באַלד פון דער ווינדע אַרויס איז ער געבליבן שטיין אין אַזאַ פינצטערניש, אַז ער האָט זיך אַזש דערשראָקן. נאָכן אַרומטאַפּן, עטלעכע לאַנג אויסגעצוי־גענע מינוטן, האָט ער קוים געטראָפן דאָס גלעקל. נאָכן ערשטן קלונג האָט עמעצ פון אינעווייניק דאָ אָנגעצונדן די „לוס דיפּוסאַ" און בערל האָט זיך דערזען אין אַ פיין טאַפּיצירטן אַריינגאַנג. די ווינדע איז נאָך געשטאַנען; ס'הייסט, אַז די משפּחה פאַרנעמט דאָ דעם גאַנצן שטאָק.

בערל האָט באַלד דערשפּירט אויף זיך אַ פּאָר פאַרשנדיקע אויגן, ווי זיי נעמען אים אַדורך פון יענער זייט, צוגעטוליעטע צום פּיצל שייבעלע,

ס׳פּאַרגרעסער אויג אין טיר. ער האָט דערהערט אַ פּאָר וויספּערנדיקע פרויען שטימען, און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מ׳ישובט זיך בסוד, יאָ צי נישט עפענען.

— זייט אַזוי גוט, איך בין געקומען פון דעם אַנשטאַלט... — האָט זיי בערל פון „דער זייט" אויפגעקלערט.

אַז זיי האָבן דערהערט דעם נאָמען פון אַנשטאַלט, וועלכער איז זיי אַפּנים געווען גוט באַקאַנט פונעם פר׳ערדיקן אינקאַסענט, און נאָכדעם ווי זיי האָבן אים גוט באַטראַכט, האָבן זיי באַשלאָסן, אַז ס׳איז נישט קיין „גע־פערלעכער", און מ׳האָט אויפגעשלאָסן די טיר.

— גוט מאָרגן! — און בערל האָט דערזען צוויי פיין־אונופאָרמירטע אין טשיפּיק און פאַרטעכל יונגע מיידלעך, וועלכע האָבן געהאַלטן אין מיטן רוימען און קאָכן.

— זייט אַזוי גוט, ס׳איז פאַר דעם אַנשטאַלט... — און בערל האָט אויס־געשטרעקט ס׳טאַרכעטל. — פאַר וויפל חדשים זאָל איך אָנשרייבן?

— די סעניאָראַ שלאָפט נאָך...

און ביידע מיידלעך האָבן אים נייגעריק באַטראַכט.

— ווען, כ׳מיין וויפל אַזייגער שטייט אויף די פרוי? ווייל, ווייל איך דאַרף דאָ באַזוכן נאָך עטלעכע משפחות אין דעם געגנט, ווען זאָל איך קומען נאָך אַ מאָל?

— מיר קענען נישט וויסן — האָט די עלטערע מיידל געענטפערט

— זייער גוט, כ׳וועל זיך אומקערן, ביז שפּעטער.

אופן נייגטן שטאָק האָט מען אים געענטפערט:

— די הערשאַפטן זענען אויף אַ שפּאַציר אין אויסלאַנד...

אויפן עלפטן: — דער בעל־הבית איז אין פאַבריק, און די פרוי איז היינט אַרויס גאַנץ פרי.

— און זי קומט נישט באַלד צוריק?

— אָ, ניין, אַפילו נישט אויף מיטיק, אַז זי גייט אַוועק אין דער „טערקי־שער באָד", איז עס שוין אויף אַ גאַנצן טאָג.

— נו, איז בערל אין דרויסן געבליבן שטיין, — אַ שיינער אָנהויב! טפו זאָל עס ווערן! אַ מזל!... אַ פאָר קוואַדרעס ווייטער, האָט ער זיך אָפּגע־שטעלט פאַר אַן אויסערגעוויינלעך רחבותדיקן נייעם בנין, אַ קוק געטאָן אין דער רשימה:

— יאָ, דאָס איז עס! ס׳איז דער נומער.

דער אַריינגאַנג־זאַל מיט גלעזערנע ווענט צו דער גאַס — ליכטיק, לופ־טיק, הויך און ברייט, אין די ווינקלען וווּנדערלעך שיינע בלומענטעפּ מיט פלאַנצן, און דערנעבן סאַמעטענע פאָטעלן אַרום אַ נידעריקן טישעלע. אויף די אַנדערע ווענט כלערליי עקספּרעסיווע געמעלן.

— הום! איז בערל געבליבן שטיין אַ פאַרבליפטער — אַן אמתער קרישטאָלענער פּאַלאַץ! דאָ וועל איך שוין זיכער מאַכן אַ מזלדיקע התחלה...

אויפן זיבעטן שטאָק האָט אים אויפגענומען אַ זייער פריינטלעכע מיטל־יאָריקע דיקע ברונעטין אין אַ בלענד־ווייסן פאַרטעכל און טשיפּיקל אויף דער שוואַרצער פריזור:

— וואָס פאַר אַ שאָד! איר האָט זיך נעבעך באַמיט אומזיסט! ווען איר קלינגט אָן אַ פריִער? כ׳האָב געהאַלטן ביי זיך דאָס געלט פאַרן אָנ־שטאָלט כמעט אַ פאָר וואָכן, געזען אַז מ׳קומט נישט, האָב איך צוריקגעגעבן דער סעניאָראַ. צו וואָס דאַרף איך האַלטן פרעמדס ביי זיך? טאָמער פאַר־ליר איך עס...

— און די סעניאָראַ קומט נישט באַלד?

— ניין, ניין! אוממעגלעך! זי האָט היינט אויף זיך אַזאַ שווערן טאָג, נעבעך!...

— וואָס? זי האָט עפּעס אַ שווערע אַרבעט דורכצופירן?

— איין אַרבעט? — האָט די פרוי גערעדט גיך, גיך, אַ שטאַרק באַ־זאָרגטע — ס׳האָט זיך איר אָנגעקליבן אַלץ מיט אַ מאָל, נעבעכקעס!...

— למשל? — איז בערל געוואָרן שטאַרק נייגעריק זיך צו דערוויסן, מיט וואָס אַ שטייגער קען עס זיין אַזוי שטאַרק פאַריאָגט די הויזווירטן פון אַזאַ־אַ לוקסוס־באַלעבאַטישקייט...

— וואָס? — האָט די פרוי געשאָקלט באַדויערלעך מיטן קאָפּ און פון אירע שוואַרצע אויגן האָט אַרויסגעשטראָמט אַ ים מיט געטריישאַפט און רחמ־נות — וואָס? — זי האָט מיך היינט ניט געפּאָלגט — שוין באַלד צוואַנציק יאָר בין איך דאָ, כ׳מיין ביי זיי. איך היט איר אָפּ ווי אַ קינד, טראָג איר אונטער די פילן צו דער צייט, כ׳מוז איר שטענדיק דערמאָנען, אַ שוואַכינקע נעבעך, צו פיל פאַר איר אַלצדינג אין איין טאָג... סיי די מאַסאַזשן און זיך מאַכן די פריזור און אפילו די מאַניקור, און זי האָט זיך נאָך באַשטעלט אויף היינט...

בערל האָט זיך קוים אַרויסגערוקט פון איר האַסטיקן שטראָם מיט רייד,

אונטן אויף דער גאַס האָט ער זיך אַרומגעווישט דעם שווייס פון פּנים און אַ קוק געטאָן אויפן זייגער.

— אָ־וואַ! שוין נאָך עלף! כ׳וועל זיך אומקערן אַהין, מסתמא איז שוין די שלאָפנדיקע אויפגעשטאַנען.

— גייך, נאָך נישט! — האָט אים ס׳עלטערע מיידל אויפגענומען מיט אַ מינע פון גרויס־וויכטיקייט — זי איז נאָך אין בעט.

— וואָס, נאָך אין בעט? ס׳איז דאָך שוין האַלב-צוועלף, איז די באַלע־באָסטע עפּעס נישט מיט אַלעמען, נישט געזונט?

פאַרוואָס פרעגט איר אַזוי? — האָט זיך ס׳מיידל באַליידיקט — זי קען אויפשטיין ווען זי וויל! זי קען מיך, זי ווייסט, אַז זי האָט זיך אויף וועמען צו פאַרלאָזן!...

ס׳אַ פּיסקל! גרויס ביי זיך! מסתם איז איר באַלעבאָסטע אויך אַזאַ...

פון לאַנגיאָריקער פּראַקטיק איז בערל געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז מערסטנטייל איז יעדע דינסט אַן אָפּבילד פון איר באַלעבאָסטע, נעמט אים אויף פריינטלעך דאָס מיידל, ווייסט ער באַלד, אַז ס׳איז אַ פריינטלעכע שטוב, און טאָמער פאַרקערט, דאַרף ער שוין נישט דערוואַרטן קיין ליבלעכע אויפנאַמע...

אונטן אויף דער גאַס האָט בערל זיך קוים־קוים אַראָפּגעהוסט דאָס ביטערניש און טריקעניש אין האַלדז:

— הו־הו! הו־הום! נו, נו! אַ גאַנצן פרימאָרגן האָב איך היינט אָוועקגעפּאַטערט! צעריבן אויף גאָרנישט... דווקא היינט האָבן זיך מיר צוזאַמענגעטראָפן אַלע שלימזלדיקע צופאַלן, און איך האָב דאָך אַזוי פיל געהאָפט און געוואַרט אויף דער דאָזיקער רשימה!... וואָס טו איך איצט? קומען אַהיים מיט גאָרנישט? היינט?...

מיטאַמאָל, האָט זיך בערל דערמאָנט אין איינעם פון זיינע אַלטע „קליענטן״, מיטגלידער פון אַנשטאַלט, וועלכע צאָלן אַ היפּשע סומע און זיי ווינען נישט ווייט פון דאַנען. כ׳וועל צופאָרן צו דער משפּחה קירשנער. זיי וועלן מיר „ראַטעווען״ דעם היינטיקן טאָג. זיי טרעף איך תמיד מיטיק־צייט. זיי אַרבעטןביידע גלייך. מאַן און ווייב פירן אַן זייערע פאַרצווייגטע געשעפטן, און זיי פירן זיך נאָך אויפן אַלטן שטייגער. זיי קומען אויף מיטיק אַהיים און מ׳זיצט אינאיינעם מיט די קינדער ביים טיש.

יצחק קירשנער האָט אים אויפגענומען זייער פריינטלעך:

—אַ גאַסט, שלום־עליכם! וואָס מאַכט איר? אײַ־אײַ! אַזאַ היץ און איר מוזט נאָך אַלץ אַרומגיין... זיצט! זיצט!

דאָס ווייב, שלאַנק און רירעוודיק, ווי אַ יונג מיידל, האָט באַלד צוגע־טראָגן אַ טאָץ מיט אַ קילן טרונק און אַ לייכטן צובייס, און זי האָט אים זייער פריינטלעך פאַרבעטן:

— סערווירט אייך, זיידעשי! פילט זיך היימיש...

און אין אַ מינוט אַרום:

— אפשר וועט איר גאָר מיטהאַלטן מיט אונדז, זיידעשי? קומט צום טיש! ס'איז דאָך מיטיקצייט! און ביז איר וועט פאַרפאָרן אַהיים!... בעלי! האָט זי אַ רוף געטאָן די דינסט — שטעל צו נאָך אַ „קוביערטאָ".

— ניין, ניין; כ'דאַנק אייך באמת! נאָר כ'קען נישט, ווייל מיין פרוי וואַרט אויף מיר. זי עססט קיין מאָל נישט ביז איך קום...

**
*

עס איז שוין געווען נאָענט צו צוויי אַזייגער. בערל איז געזעסן אין פול אָנגעשטאָפּטן אויטאָבוס און זיך געראַנגלט מיט דער שטיקנדיקער היץ:

— נאָך גוט, וואָס ס'איז מיר געלונגען צו פאַרכאַפּן אַן אָרט, ווען נישט וואָלט איך אָוועקגעחלשט. ווער האָט זיך געקענט ריכטן אויף אַזאַ „ברוך הבא"?! און טאַקע, צוריקגערעדט, האָט בערל אַריינגעקוקט אין דער רשימה, ווען איך טרעף זיי אַלעמען אין דער היים!... זיי וואָלטן זיכער איינגעצאָלט די גאַנצע קוואָטע פאַר אַ גאַנץ יאָר פאָרויס, — זיי פעלט דאָך נישט אויס די פאָר פעזעס. ווען איך טרעף זיי יאָ, וואָלט איך דעם פרימאָרגן געהאַט פאַרדינט אפשר אַ... אַ גאָר גרויסע ,אַ היפּשע סומע! פון וואַנען האָב איך געזאָלט וויסן אַז... אַז די נשים זענען נישטאָ אין דער פרי? כ'וויס מיינע איז ביז מיטיק שטענדיק אין שטוב, פאַרנומען מיט דערווירטשאַפט... הום! ס'אַ פאַרגלייך! מיין ווירטשאַפט מיט זייערער....

מיטאַמאָל האָט זיך אין בערלען געגעבן אַ צינד־אָן אַ בייזע מחשבה:

— „זיידעשי" האָט זי מיר גערופן... „זיידעשי"! וואָסי? זי איז דען יינגער פון מיר? פון מיין מלכהלע אָודאי נישט! — באשר, זי איז איינגע־מאַרינירט לויט אַלע כללים... נישט ווי מיינע! מיינע! און אפשר? — האָט זיך בערלס צעאָרן, ווי אַ שרפה אין אַ ווינט, געגעבן אַ טראָג־אַריבער און זיך צעפלאַקערט אויף זיין געטרייער ווייב: זיכער איז זי, מיין מלכה, שולדיק אין מיין מעמד! ווו איז עס געזען און געהערט געוואָרן, אַז אַ פרוי זאָל

שטענדיק און מיט אַלצדינג זיין צופרידן?... דאָס ווייב דאַרף פאָדערן, וואָס מער פון איר מאַן! אַזוי ווי אָט אַ די דאָזיקע וואָס כ'האָב היינט באַזוכט!...

וואָס מער באַקוועמלעכקייטן! וואָס מער לוקסוס! דאָס צווינגט דעם מאַן און שטויסט אים, ער זאָל זיך וואָס מער אָנשטרענגען און קלעטערן אַרויף!... נישט ווי מיינע, וואָס האַלט מיך אין איין האַמעווען: „בערל, עס אָפּ רויִק; בערל, לויף נישט, יאָג זיך נישט!", און אַז איין צימער איז וואָס? אַבי עס איז ריין און ס'איז דאָ וואָס צו עסן. „בערל, עס לאַנגזאַמער! — ווי דו זעסט אויס!...

— וואָס אַן אמת, מאַכט צו בערל זיינע אויגן און ער דערזעט זיך שוין ביי דעם יום־טובדיקן געגרייטן טיש, וואָס וואַרט אויף אים...

— קיינער קאָכט נישט אַזעלכע געשמאַקע מאכלים ווי מיינע! און דאָס צימער איז תמיד זויבער און פאַרפּוצט, אַז ס'זעט אויס אַ גרויסאַרטיקער זאַל... — ווען? ווען באַווייזט זי דאָס אָפּצוטאָן ,איינע אַליין, אַלצדינג?

— אָבער, צעפלאָקערט זיך ווידער זיין כעס; ס'איז פאָרט איין צימער! און פאַר אַ צולאָג אַזוי ווייט פאַרוואָרפן — זיך אַריינגעצויגן אויף דערוויל, — באַלד נאָך דער חתונה, און זיך איינגעניורעט ווי אַ וואָרעם אין...

אַלע מיינע לאַנדסלייט לעבן רחבותדיק, רייך; נאָר איך... — נאָר איך, וואָס בין געווען דער פּעיִקסטער צו אַלצדינג — בין פאַרבליבן אַזוי ווי מחוץ למחנה. שלמה איז אַ גביר אדיר; זיינע געשעפטן, זיין שטוב, זיין אויטאָ זיין זומער־אַפּאַרטאַמענט ביים ים... — פּס־סס — נישט אָפּצושאַצן! און אַברהם איז אַ גביר! און יענקעלע דער־אָ לעמעשקע, וואָס פלעגט זיך אַפילו פאַרהיקעווען — ווי אַזוי פירט ער היינט אַזוינע גרויסע מסחרים? און חיים דער לאַנגער — נאָר איך... נאָר איך בין פאַרבליבן אַ...

בערל איז געזעסן אַריינגעפּרעסט, ווי אַ דין קעז־פּעניצל אין אַ סאַנדוויטש — צווישן צוויי דיקע מענער. זיין מאָגער, איינגעפאַלן פּנים, מיט די טיף איינגעקריצטע קנייטשן, האָט זיך אַלע מאָל, ביי יעדן טרייסל פון אויטאָ־בוס געטאָן אַ שאָקל, ווי אַ בלאַט אין שפּעטן האַרבסט. עס האָט אים גע־קלעמט ביים האַרצן און געבויערט נאָכאַנאַנד:

— פון וואַנען שעפּט עס מיינע אַזוי פיל מוט און גלויבן? פאַרוואָס קען איך עס נישט?...

מיטאַמאָל האָט בערל אויפגעכאַפּט עטלעכע ווערטער אין אַ שטילן בעטנדיקן טאָן, פון איינעם וואָס איז ערשט אַרויף אויפן אויטאָבוס, געווענדט צום שאָפער:

— זייט אַזוי גוט און גיט מיר צו וויסן, ווען מיר וועלן צוקומען צו דער גאַס בערנאַר...

בערל האָט צעעפנט זיינע אויגן און ער האָט דערזען: אַ מיטליאָריקן מאַן אין שוואַרצעברילן, מיט אַ ווייסן שטעקן אין האַנט...

— אוי, — האָט בערל אַ ציטער געטאָן — אוי וויי! — ער האָט אויף אַ רגע שטייף פאַרשלאָסן זיינע ביידע אויגן — און אַ שפּיציקע נאָדל האָט זיך גענומען אַרומיאָגן אין אַלע זיינע אברים:

— וויי־וויי וואָס פאַר אַ פינצטערניש!.. — ער האָט לאַנגזאַם געעפנט! אַ שפּעלטעלע פון איין אויג:

— אַה! וואָס פאַר אַ פאַרמעגן פון ליכט!...

און אַז בערל האָט אויפגעעפנט אינגאַנצן זיינע ביידע אויגן — האָט אַ פלייץ געטאָן אַנטקעגן אים אַזאַ בלענדיק־פאַרשווענדערישע ליכטיקייט.

— גאָטעניו, האָט זיך בערל פאַרכטיק צעשאָקלט, זיי מיר מוחל פאַר מיינע זינדיקע מחשבות! מיין מלכהלע איז גערעכט! וואָס פעלט אונדז? ווויל איז אונדז! ווויל איז מיר! אַז איר פאַרמאָג מיין אייגנס אַזאַ עשירות! כ׳קען אָנקוקן די גאַנצע וועלט, איז דאָך אַלצדינג מיינס! איך בין אַ גביר! דער גרעסטער גביר!...

לעבן

יוסף, אַ הויכער עלעגאַנטער ברונעט, מיט אַ פעסטער, פיין אַנטוויקלטער פיגור, האָט זיך אַריינגעזעצט אין זיין נייעם אויטאָ פון אַ גרינלעך בלויען קאָליר און האָט זיך געלאָזט לויפן מיט דער גאַנצער שנעלקייט איבער דער לאַנגער גאַס פון „אַווענידע כ. ב. כוסטאָ".

ס׳איז געווען שבת פאַר נאַכט. אַלע געשעפטן, פאַבריקן, וואַרשטאַטן זענען געווען פאַרשלאָסן, פאַרמאַכט. מ׳האָט געקענט זען, ווי די שטאָט האָט אַראָפגעוואָרפן פון זיך דעם שווערן וואָכעדיקן יאָך, אַ רו׳קייט האָט זיך אויסגעשפרייט אַרום און אַרום מיט זאָרגלאָזיקייט און מנוחה.

דאָ און דאָרט, האָט אַ פאַרדרימלטער ראָג נאָכגעקוקט אַ ווייל יוספס אויטאָ מיט גרויס חידוש:

— „מילא, אין דער וואָכן, אַז איר לויפט ווי טייוולאָנים, קען מען עס נאָך פאַרשטיין. אַמאָל שטייט אין קאָן אַ גרויסער מסחר. מ׳קען פאַרשפּע־טיקן די בענק, וועלכע שליסן זיך צו פונקט צו דער מינוט, און וואָס טוט מען נישט צוליב פרנסה? אָבער, היינט? איצט? זיי זענען שוין אַזוי איינגעוווינט צו לויפן, אַז זיי באַמערקן גאָרנישט ווי אַנדערש עס זעען אויס היינט די הייזער, די גאַסן, ווי אין גאַנצן פאַרענדערטע, פאַרשבתטע!"

נאָר יוסף האָט שוין דווקא יאָ געזען אַלצדינג אַנדערש, אין אַ ניי ליכט. דאָס גרינבלוי פון זיין אויטאָ האָט באַשיינט דעם גאַנצן וועג פון ביידע זייטן און פאָרויס. דאָס געיעג צו זיין כלה.

— ווער דאָס זיין אַ סיורפּריז פאַר אַניטאַן! האָט יוסף זיך אַ סמאַצקע געטאָן די ליפן און דערביי דערשפירט אויף זיי די זיסקייט פון אירע קושן — טצאָ! אַזאַ פריידיקער סיורפּריז! כ׳האָב איר אַפילו נישט אָנגעקלונגען, אַז איך קום שוין צופאָרן מיט אונדזער נייעם אויטאָ. שוין, איצט האָבן מיר שוין אַלצדינג! איצטער וועט זי שוין נישט האָבן מער קיין תירוץ אָפּצו־לייגן אונדזער חתונה... נאָך היינט אפשר, וועלן מיר באַשטימען דעם טאָג?

ווען יוסף האָט זיך מיטן אויטאָ אָפּגעשטעלט, נעבן אַן אַלט־מאָדיש

שטיבעלע, מיט אַ קליין גערטנדל פון פאָרנט, וואָס האַלט זיך נאָך אויף דווקא, מיט זיין גרינעם „אויף צו להכעיס"... צווישן די נייע הויכע גדלותדיקע שכנים־בינונים — זענען אַניטאַ מיט אירע טאַטע־מאַמע, וועלכע האָבן אים דערזען דורכן פענצטער, אַרויס אינדרויסן אים מקבל־פּנים זיין.

— אָ! אָ! אָ! האָבן אַלע דריי אויסגערופן אַנטציקטע — אין אַ מזל־דיקער שעה! אַזאַ פריידיקע איבעררעשונג! און זיי האָבן זיך צעקושט מיט יוספן. און נאָך דעם, ווי מ'האָט שוין געהאַט אַרומגעקוקט און אַרומגעטאַפּט דעם אויטאָ פון אַלע זייטן און אויסגעלויבט זיין יעדן טייל באַזונדער, איז מען אַריין אין שטוב אויף אַ „לחיים".

— קינדער, איר זאָלט פאָרן אין אים געזונטיקערהייט! — האָבן טאַטע־מאַמע מיט, פון נחת פאַרטרערטע אויגן, זיי צוגעווונטשן און פון שטוב אַרויסבאַגלייט מיט די האַרציקסטע ברכות.

— קינדער: מיטן רעכטן פוס! פאָרט בשלום!

— נו? — האָט יוסף אַרומגענומען מיט זיין רעכטן אָרעם אַניטאַן און מיט דער לינקער האַנט אויפן רעדל, האָט ער „אַריינגעכאַפּט" אַ „פאָרנדיקן" קוש.

— פאַרזיכטיק, האָט אַניטאַ געפלאַטערט פון פרייד און מורא — היט זיך מיין טייערער! אַנצופירן די מאַשין מיט איין האַנט איז זייער שווער, און ס'איז אויך געפערלעך...

— נו? — האָט ער אַלע ווײַלע געכאַפּט אַ קוק אויף איר גליקלעך צעשיינטן פּנים, אויף אירע צאַרטע, אידעלע שטריכן — ווי ער וואָלט וועלן אויסגעפינען דעם סוד. דאָס „האַטשיקל", וואָס האָט אים „געפאַנגען". אים, צו וועלכן אַלע מיידלעך פלעגן צוגעוואַקסן ווערן ביים ערשטן בליק — ווו ליגט איר „כוח", וואָס האָט מיך צוגעשמידט. — נו? אַניטעלע, וואָס זאָגסטו אויף „אונדזער" פורעלע? הע, נשקשה? עס געפעלט דיר? איצ־טער ביסטו שוין צופרידן?

— אויסערגעוויינלעך! — האָט זי אָפּגעפרעסט אַ קוש אויף זיין רעכ־טער באַק, — פונקט פון אַזאַ־אָ, האָב איך געחלומט אַלע יאָרן...

— וואָס זאָגסטו צו מיין געשמאַק? ע? איך בין אַ מבין? אָ יאָ?

— זיכער ביסטו אַ מבין! — האָט זי קאָקעטיש אַ דריי געטאָן איר שיין פאַרקעמטן קאָפּ מיט איר הויכער בלאָנדער פריזור, — דו האָסט דעם בעסטן געשמאַק! — האָט זי מיט נצחון אַ שטאָלצע געשמייכלט צו אים — אַז דו האָסט מיך אויסגעוויילט ?!...

— אַך, דו! דו! מיידעלע מיינס! — האָט יוסף זי אַ צי געטאָן צו זיך — איז, איז זאָג זשע מיר, מיין ליבינקע, וווּ־אַהין פאָרן מיר פריִער אויף אַ שפּאַציר? אָדער אפשר גאָר צופאָרן אַ קוק טאָן, ווו מיר האַלטן מיט אונדזער וווינונג?

— יאָ, אַוודאי, זיכער! — האָט זי געענטפערט מיט אַ פעסטן טאָן — פריִער צו אונדזער נעסטעלע.

יוסף מיט אַניטאַן זענען צוגעפאָרן צו אַ גאַנץ הויכן, לעצט־מאָדישן נייעם בנין, פאַרזען מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן און זיי זענען אַרויפגעפאָרן מיט דער פאָדערשטער פאַראַדנער ווינדע אויף זייער אייגענעם גאָרן.

— אָ! דו זעסט? האָט זיך אָנגערופן יוסף, — אויפפּראַלנדיק אַלע פענצטער, עס זאָלן אַרויס די פאַרשטיקטע ריחות פונעם פרישן פאַרב — ס׳איז דאָך שוין כמעט אין גאַנצן פאַרטיק. מיר קענען זיך שוין באַלד אַריינציִען אַהער. נו, וואָס זאָגסטו? ס׳געפעלט דיר? און ער האָט פאַר גרויס התפעלות, מיט ביידע הענט אַרום איר טאַליע, — אַ הייב געטאָן אַניטאַן און זיך געגומען דרייען מיט איר איבער די גראַמע זאַלן, טאַנצנדיק און זינגענדיק ווי אַ יונג בחורל...

— באמת, — האָט אויסגערופן אַ צעפלאַמטע אַניטאַ, — ס׳איז ווונדער־לעך! — און זי האָט אויפמערקזאַם באַטראַכט אין אַלע צימערן די ווענט, די דילן, די טירן, צי עס פעלט שוין גאָרנישט מער?

— דו ווייסט יוסף, ווי שיין ס׳וועט זיין ביי אונדז! מיר דאַרפן נאָר אונדזער הויז אויסשטאַטן מיטן ריכטיקן געשמאַק, ווי ס׳דאַרף צו זיין... אָ, יאָ, כ׳האָב דיר שיעור פאַרגעסן צו דערציילן, פון דער מעבל־פאַבריק, די פאַטעלן, וועלכע מיר האָבן באַשטעלט וועלן קאָסטן עפּעס מער, ווי מיר האָבן גערעכנט. נו, פאַר דער צייט איז אַלץ געשטיגן, דער לאַנגער, אויס־געראונדיקטער, וואָס דאַרף שטיין ביי דער הויפּטוואַנט אין אויפנאַם־זאַל דאַרף קאָסטן, אומגעפער, אַ הונדערט טויזנט פעזעס...

— אַניטאַ! — האָט יוסף אַריינגענומען אירע שמאָלע הענטלעך אין זיינע — וואָס זאָגסטו?

— הונדערט טויזנט... אָבער, נישט מער ווי דער איינער. די אַנדערע, די קלענערע, וועלן קאָסטן עפּעס ביליקער, פאַרגעס נישט, מיין ליבינקער, אַז זיי ווערן דאָך באַצויגן מיט דעם בעסטן אויסלענדישן סאַמעט...

— ניין, מיידעלע מיינס! — האָט יוסף געשאָקלט זיין קאָפּ אויף ניין, זיך שטעלנדיק צום ערשטן מאָל אַנטקעגן איר פאַרלאַנג — ניין! מיר, איך,

קאָן זיך דאָס היינט נישט דערלויבן. מיר וועלן מוזן אַריינשטעלן ביליקערע מעבל — אויף דערווייל, פאַרבעסערן קען מען דאָך שטענדיק!

— איז רעכט ביי דיר אַוועקצופּטרן אַזאַ פּראַכטפולע וווינונג? אַריינ-שטעלנדיק פּראָסטן מעבל, וועט פאַרלאָרן גיין דער גאַנצער חן פון אונדזער היים.

— מיין קינד — האָט יוסף אַרומגעפלאָכטן איר קאָפּ און אַריינגעקוקט אין אירע אויגן. — נעם אין אַכט, אַז מיר דאַרפן דאָך אויסשטאַטן אַלע צימערן און מיר מאַכן אַדורך איצט אַ זייער שווערן עקאָנאָמישן קריזיס. מ׳קען נישט אָפּציען פון געשעפט אַזאַ גרויסן קאַפּיטאַל מיט איין מאָל.

— אָבער ס׳וועט דאָך נישט זיין האַרמאָניש, נישט צוגעפּאַסט, פונקט ווי יעדער מענטש קויפט זיך איין שיך, אָדער אַ מלבוש, לויט זיין וווקס און פיגור, אַזוי באַדאַרף מען אַ דירה אויסשטאַטן, לויט איר אויס-זען און פאַרנעם...

— דו, אַניטאַ ביסט דאָך באַשעפטיקט ביי בוכהאַלטעריע, נישט אמת?

— יאָ — האָט זי געטאָן אַ לאַך — איך פיר די חשבונות פון פרעמדע רווחים...

— נו, ווייסטו דאָך אַוודאי, אַז עס מוז שטימען דער „דעבע" מיטן „האַבער", און טאָמער, מ׳כאַפּט איבער חלילה, קען געשען דאָס ערגסטע...

— יוסף, האָבן זיך טונקעלע פייערלעך צעצונדן אין אַניטאַס ליכטיק בלויע אויגן — מען טאָר זיך נישט אַזוי לייכט אונטערגעבן! מ׳דאַרף לכת-חילה זיך אַוועקשטעלן פעסט און פאָדערן דעם פולן הוב, וואָס עס קומט אונדז פונעם לעבן!...

— אַניטעלע — האָט יוסף אַראָפּפאָרנדיק אין דער ווינדע, זי צוגע-דריקט צו זיך — אַצינד, איז שוין מער נישטאָ קיין שום מניעה. מיר האָבן שוין דעם אויטאָ, און דער עיקר: אונדזער אייגענע וווינונג, מיר קאָנען באַשטימען דעם טאָג פון אונדזער חתונה.

— וואָסי דאָס איילעניש? מיר קאָנען נאָך צוואַרטן ביז דער קריזיס וועט אַריבער און מיר וועלן זיך קאָנען איינאָרדענען, ווי ס׳פּירט זיך ביי לייטן...

— נאָך וואַרטן? — האָט זיך יוסף אָנגעכמורעט און אַ נעם געטאָן ר׳רעדל אין די הענט — דו פאַרגעסט אַפּנים, אַז איך הייב שוין אָן צעבייטן באַלד מיין פערטן צענדליק?

— נו, איז וואָס? אַז מיר פירן זיך אַזוי פיל יאָר, וועלן מיר נאָך אַ פּאָר...

— דו ווייסט ווי אונדזערע באַקאַנטע וויצלען זיך וועגן אונדז?

— וואָס גייען זיי מיר אָן? מיר ביידע דאַרפן פירן אונדזער לעבן און נישט זיי!... יוסף: איך וויל, אַז אונדזער לעבן זאָל האָבן אַ זיסן טעם, זאָל זיין שיין און צוצי׳ענדיק, און אינטערעסאַנט. און בכדי אַריינצוגיסן אַזאַ פיינעם זאַפטיקן געטראַנק, מוז מען אַ פרי׳ער אָנגרייטן די ריכטיקע צוגע־פּאַסטע כלים...

— און ווי איז, אויב מ׳האָט נישט די מעגלעכקייט פאַר אַ זעלכע קאָסט־באַרע כלים?

— טויג עס נישט! אַנדערש, — איז עס נישט קיין לעבן! אָט אַ, טו, אָקאָרשט אַ קוק, יוסף! זע, אָט די פּרעכטיקע בנינים, ווו מיר פאָרן איצט פאַרביי. ווען דו ווייסט, ווען דו זעסט, מיט וואָס פאַר אַן איינפאַלן און גע־שמאַק ס׳איז ביי זיי אַלצדינג איינגעאָרדנט!

— הער אַ חכמה! דאָ אין פּאַלערמאָ געגנט וווינען דאָך די רייכסטע מענטשן פון שטאָט.

— אָ, ביי זיי דאַרף מען זיך לערנען! זיי ווייסן ווי צו לעבן! איין מאָל לעבט מען!

— אַניטאַ! — האָט יוסף האַסטיק אויסגעדרייט זיין קאָפּ צו איר — זאָג מיר נאָר, דו, דו קאָנסט בוענאָס־אײַרעס מיט איר אומגעגנט?

— כאַ־כאַ־כאַ! ס׳אַ שיינע פראַגע. איך בין דאָך דאָ געבוירן געוואָרן! יעדן טאָג צו מיין אַרבעט, פאָר איך אַדורך כמעט אַ האַלבע שטאָט, און וויפל מיר ביידע פאָרן זיך אָן אויף אונדזערע שפּאַצירן...

— יאָ, אָבער איך פלעג דיך אַרומפירן בלויז אין די שיינע איינגעגנע־מע געגנטן און דעריבער קאָנסטו נאָר פון איין זייט דאָס לעבן — איצט, מיט אונדזער נייעם אייגענעם אויטאָ, פאָרט זיך גרינג און גיך, וועלן מיר אַ פּאָר טאָן אויפן וועג צו „עסייסאַ״.

— כ׳האָב שוין אַ פּאָר מאָל באַגלייט גוטע פריינט און קרובים צום אַעראָדראָם, ס׳איז זייער אַ שיינער, ליכטיקער וועג מיט צעגרינטעביימער, ביי די זייטן.

— גוט, — האָט יוסף געשמייכלט פאַרביסן — ס׳וועט זיין אַ באַ־לערנדיקער שפּאַציר מיט אַ מוסר השכל פאַר דיר...

— איי! ווי ס׳שמעקט — האָט אַניטאַ אַריינגעאָטעמט די פרישע לופט,

— דו זעסט ווי דאָס גראָז אַרום, ווערט דאָ אין צייט געשניטן און די ביימער געפלעגט; אַ, ווי פריש מחיהדיק! עס שמעקט! ס'דאַרף זיין אַ גרויס פאַרגעניגן צו וווינען דאָ! זע, ס'אַראַ שיינע טשאַלעטן פון דער פולער האַנט געבויט.

נאָך דעם ווי זיי זענען שוין געהאַט אָפּגעפּאָרן אַ שפּאָר היפּשע שטרעקע האָט יוסף זיך פאַרנומען אין אַ זייט און אָנגעהויבן פאָרן לאַנגזאַמער. פאַר זייערע אויגן האָט זיך מיט אַ מאָל, ווי פון אַ חושך־לאַנד אַרויס, באַוויזן אַ פינצטערע מחנה פון צונויפגעקלאַפּטע פון בלעכן, פּושקעס, טאָוולען און זעק „כמו־שטיבעלעך"... נעבן די אָנגעהורבעטע „היימעלעך" האָבן זיך אַרומגעדרייט אין טראַנטעס, אָפּגעריסענע מענער, פרויען און קינדערלעך, טאָפּטשענדיק, באָרוועסרהייט, אָדער אין צעפליקטע שקראַבעס, אויף זייערע פאַרגראַזשיקטע בידנע הייפעלעך... אַנדערע האָבן אַפילו קיין הייפעלע נישט פאַרמאָגט. נאָר אין שטיבקעלע האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף אַ צווייטער, מיט בשותפותדיקע קרוכלע ווענטלעך, ס'זאָל אויסטראָגן נאָך שפּאָרעוודיקער...

— דאָס איז — האָט אַניטאַ אויפגעריסן אירע, מיט שרעק אָנגעפילטע אויגן — דאָס איז עס מסתמא, ווי מ'רופט עס אָן דאָ, די, „וויזשאַ מיסעריאַ"? די געגנט פון גרעסטער נויט?

— איינע פון די „וויזשאַ מיסעריאַס" — האָט יוסף ספּעציעל אונטערגעשטראָכן.

— כ'וועל דיר זאָגן דעם אמת, איך האָב געהערט, געליינט וועגן דער ביטערער נויט און אָרעמקייט, וואָס באַהערשט זיי, נעבעך. אָבער, אָבער, אַז מ'דערזעט עס מיט די אייגענע אויגן מאַכט עס אַזאַ פיינלעכן איינדרוק, אַז־אַז ס'דערשיטערט ממש: ווי אַזוי לעבן זיי דאָ?

— זעסטו שוין! און זייער מערכה, ווערט אויך אָנגערופן: לעבן. אַלץ הייסט לעבן!...

— ברררר!... — האָט אַניטאַ געקוקט אויף די בלעך און בלאָטע הייזקעס און אַ שוידער איז איר אַדורך איבערן גאַנצן לייב: וויי־וויי, וואָס פאַר אַ טרויעריקער מצב! ווי אַזוי פאָרט לעבן זיי דאָ! אַזוי פיל משפחות, איינע אויף דער אַנדערער. דאָס, דאָס איז שוין דאָס סאַמע ערגסטע! דער אָפּגרונט! קיין ערגער לעבן, קאָן שוין נישט זיין!...

— יאָ! עס קאָן זיין נאָך ערגערס; יאָ, כ'האָב עס ערשט נעכטן פאַרבייפאָרנדיק דערזען. און יוסף האָט זיך אויסגעדרייט מיטן אויטאָ אויף

צוריק, צו דער סטאַנציע „ליניערס" און פון דאָרט זיך פאַרנומען אויף דער ברייטער אַוועניִדע כ. ב. כוסטאַ.

אַניטאַ האָט אַרויסגעקוקט אויף ביידע זייטן פון דער גלאַט געפלאַס־טערטער גאַס און זיך געוווּנדערט:

— איך הייב נישט אָן צו באַנעמען, וואָס אַזוינס דו האָסט דאָ געקענט דערזען? דאָ איז גאַנץ פיין. די גאַס איז זייער אַ ברייטע, אַ רחבותדיקע, פאַר־פלייצט מיט זון און וואַרעמקייט, פאַראַן שוין נייע גרויסאַרטיקע בנינים, וואָס פאַר אַ נייעס? איך קען נישט די גאַס?...

— וואַרט, האָב געדולד, דו וועסט באַלד דערזען אַזאַ זאַך, וואָס — און ער האָט אָפּגעשטעלט דעם מאָטאָר. — נו, וואָס זעסטו דאָרטן, קעגנאיבער, נעבן דעם דראָטן צוים, צווישן דעם ווילדן שטעכיקן אָנוווּקס?

— — ס'אַ נייעס? אַ בערגל מיסט, מסתמה שיט מען דאָס אַרויס פון יענער פאַבריק און מאַנטיק וועט דער מיסטקלייבער דאָס אַוועקנעמען. נו, איז וואָס? ס'איז דען אויסטערליש?

— וואַרט; אַניטאַ קוק! קוק! נעם נישט אַראָפּ דיין בליק, פונעם בערגל מיסט אויף איין סעקונדע.

אַניטאַ איז געבליבן זיצן און אָנגעשטרענגט האָט זי געקוקט און גע־קוקט אויפן בערגל אַנטקעגן. מיטאַמאָל האָט זי אַרויסגעלאָזן אַ הילכיקן קוויטש: אוי! און ציטערנדיק, אַ פאַל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יוספס אַקסל, — מיט שטייגנדיקער אימה האָט זי דערזען, ווי —

דאָס מיסטבערגל האָט זיך פלוצעם אַ ריר געטאָן, דער שפּיץ האָט זיך גענומען הייבן העכער אַרויף־צו, און עס האָט זיך אַרויסגעשטעקט אַ מענטש־לעכער קאָפּ?! אַ פּנים... אונטער דער פינצטערער פלאַכטע האָבן זיך אַרויס־געצויגן צוויי אָרעמס. ס'האָט אויסגעזען: אַ ריזיקע פלעדערמויז. מיט אַ מאָל האָט זיך פון דער ערד אויפגעהויבן אַ האַנט און אַ בינטל פאַרזשאַווערטע פינגער, האָבן דערלאַנגט צום מויל, אַ מאָדנעם מין מאכל, וועלכן די ציין האָבן גיריק געקייט און געטשאַמקעט נאָכאַנאַנד.

אַניטאַ — מיט אויפגעריסענע מויל און אויגן, האָט אַ פאַרשטומטע אָנ־געקוקט יוספן???

— יאָ, יאָ! — האָט ער איר געענטפערט. — אָט דאָס, וואָס דו זעסט, מיין טייערע כלה, אָט דאָס איז זיין דירה, דאָ־אָ וווינט ער! און יוסף האָט אַ קריץ געטאָן דורך אַלע זיינע ציינער:

— וואָס פאַר אַ בושה! און אָט דאָס־אָ ווערט אויך אָנגערופן: „לעבן"...

גליק

— „לע לוסטראָ!“

— „לע לוסטראָ אי לע פּאַסאָ על טראַפּיטאָ!“

דאָס קול טראָגט זיך פונאַנדער מיט אַ קלינגענדיקער פרייד, ווי ס׳זאָלן אָנגעזאָגט ווערן אַלע בשורות טובות מיט אַמאָל...

— „לע לוסטראָ־אָ!“

די מענטשן, וואָס קומען אָן, צום ערשטן מאָל אויף דער באַן־סטאַנציע פון דעם פאָרשטעטל איטוסײַנגאָ, ווי נאָר זיי שטייגן אַראָפּ פון באַן, בלייבן זיי שטיין אַ ווײַלע און פאַרחידושטע הערן זיי זיך צו צו אָט דעם מאָדנעם פריילעכן קול:

— „לע לוסטראָ־אָ!“

צעקלינגען זיך אויף ס׳ניי, די לאַנג צעצויגענע זילבן ווי יעדער זילב באַזונדער וואָלט אויסגערופן:

— „קומט אַהער! קומט צו מיר, איך טייל: גוטע געשמאַקע זאַכן, טייל איך!...

איינער און אַ צווייטער קוקן זיך אום, אַהער און אַהין צו וויסן פון וואַנען דאָס קול קומט און ווער נעמט עס זיי אויף דאָ מיט אַזאַ שימחה? און אַזוי נישט וויסנדיק וואָס און ווען דאָ קומט פאָר, שטעקט מען זיך אָן אַליין מיט פרייד און מיט אַ גרינג געמיט שמייכלט מען זיך פונאַנדער, ווי מען זאָל זאָגן:

— ס׳אַ פיינער קבלת פנים!...

ערשט, ווען מען גייט אַראָפּ די עטלעכע טרעפּ פון דער באַן־פּלאַט־פאָרעם, מ׳שפּרייזט דורך דעם טונקעלן טונעל און מ׳גייט ווידער אַרויף עטלעכע טרעפּ, וועלכע פירן צו דער גאַס אַרויס, טוט דאָס קול אַ הילך אויס דערנעבן, גלייך אין פנים אַריין:

— „לע לוסטראָ־אָ!“

דערזעט מען, מיטאַמאָל דעם בעל־הקול.

דעם שוך־פּוצער, טאַטאַ.

ער זיצט זיך אויף זיין נידעריק בענקעלע, מיט פאָרויס אויסגעצויגענע פיס אין אַ פּאָר לאַנגע, בלויע לייוונטענע הויזן, מיט גרויסע געלע לאַטעס, פּירקאַנטיקע, ווי אַריינגעשטעלטע פענצטער, איבער זיינע ביידע קני... ער קוקט אָן יעדן פאַרבייגייער, מיט זיינע שוואַרצע גלאַנציקע אויגן, וואָס זעען אויס ווי צוויי טיפע ברונימער, פולע מיט גוטסקייט.

— „לע לוסטראַ־אַ!" בעט זיך זיין קול מיט אַזאַ געטריישאַפט, ווי אַ מאַמע וואָס שטייט איבער איר ציטעריק קינד און בעט זיך: עס! עס! וואָס אַרט דיר, אַז דו וועסט מיר צוליב טאָן און עסן?!

און זיינע צוויי שורות ווייסע ציין טוען דערביי אַזאַ בליאַסק, ווי צוויי שנירלעך עכטע פּערל...

יעדן אין דער פרי, שפּרייזט דורך טאַטאַ צופוס, די עטלעכע קילאָמע־טער — פון זיין היים — ביז צו דער באַן־סטאַנציע. ער גייט זיך בנעימות, טראָט ביי טראָט און עס דוכט זיך אויס, אַז מיט יעדן שפּאַן קומט אים צו אַ שטיק געזונט...

אויפן עק פון זיין לעדערנעם פאַסיק, פאַרוואָרפן איבער די אַקסלען, הוידעט זיך זיין קעסטעלע מיט די פוץ־מכשירים, זיינע ביידע האַנט־פלאַכן רוען אויף דעם און גלעטן עס נאָכאַנאַנד מיט פאָטערלעכער ליבשאַפט. ער גייט און זינגט איינצלנע סטראָפן, אַ מאָל נאָר עטלעכע ווערטער פון אַ באַקאַנטן ליד, פון אַ לעצט־מאָדישן טאַנגאָ, אַ באַלעראָ — און דעם בלויז פון די פאַרגעסענע ווערטער, פילט ער אויס מיט אַ טראַ־ראַ־ראַ! לאַ־לאַ־לאַ!... ער גייט און זינגט און ער וועקט אויף דעם פרימאָרגן. די ביימער, וואָס וואַקסן לענג אויס דעם וועג, פאַכען אים נאָך מיט זייערע צווייגן. אַמאָל ווייזט זיך אויס טאָטן, אַז אַ צווייג, איז אויך אַ מענטש, און ער ענט־פערט איר אָפּ צעשמייכלט און גוטמוטיק מיט אַ האַנטפּאַך:

— טשאַ־אָ! און ער שפּרייזט זיך אַוועק ווייטער, געמיטלעך און צו־פרידן פון דער באַגעגעניש...

די פייגעלעך טוען אַ פלאַטער אַרויס פון זייערע נעסטן, פליען אים נאָך אין דער הויך איבער אים מיט אַ „גוטמאָרגן־טשיריק" — טשיריק! טשיריק!

— ס'אַ מחיה!! שיינט זיך פונאַנדער טאַטאַס פּנים פון נחת און גליק.

***

אַלע באַוווינער פון דער לאַנגער גאַס, וואָס ער שפּרייזט דורך יעדן פרימאָרגן, דערקענען שוין זיין קול פון דערווייטנס, און ווער עס האָט נאָר אַ פרייע מינוט, לויפט צו צו אַן אָפענעם פענצטער פון שטוב, אָדער גאָר צום טויער פונעם הויף; און מען הערט זיך צו מיט גרויס פאַרגעניגן צו זיין פרימאָרגן־געזאַנג, ביז ער פאַרשווינדט אין דער ווייטקייט פון דער גאַס.

ווען מען טאַטאַ באַגעגנט נאָר אויפן וועג, אָדער ביים דורכגיין נעבן אַ הויז, באַגריסט ער יעדן איינעם מיט אַזאַ התפעלות — ווי אַ לייבלעכן ברודער אָדער אַ שוועסטער, ווען ער האָט שוין לאַנג, לאַנג נישט געזען, זינט אַ סך, אַ סך יאָרן...

— „אָ־אָ! קאָמאַ לע וואַ — סעניאָר?" „סעניאָראַ?"

און אַז עמעץ ענטפערט אים אָפּ אויף זיין באַגריסונג — גוט! און וואָס מאַכסטו? ווי גייט עס דיר?

— מיר? — צעשמייכלט ער זיך, און עס בליאַסקען אויף זיינע שוואַרצע אויגן און בלענדיק־ווייסע ציין — גוט! זייער, זייער גוט! גוט און ווויל!

ער ציט אויס דערביי לאַנגזאַם, מיט אַ באַזונדערער הנאה, יעדן וואָרט און זילבּ, ווי ער וואָלט געקייעט אַ מלא־טעמיקע צוקערקע, וועלכע ס'איז אַ שאָד אַרויסלאָזן פון מויל...

טרעפט, אַז סע פאָרט אָן אַ באַקאַנטער מיט אַן אויטאָ, צי אַ „קאָמיאָנדל" — —

— האַלאָ, טאַטאַ! — טוט זיך יענער אַ שטעל אָפּ.

— האָ־לאָ! האָ־לאָ! דערפרייט זיך טאַטאַ ווי אַ פאַרבלאָנדזשעט קינד מיט זיינע געפונענע טאַטע־מאַמע.

— גייסט נאָך אַלץ צו פוס, טאַטאַ? — טוט זיך אַ וויצל דער באַקאַנטער

— אַ רחמנות אויף דיינע פיסלעך. — קום! שפּרינג אַרויף! איך פיר דיר צו, ביז צו דער סטאַנציע; אַפילו דיין קעסטל אויך!... נו?!

— אָ, ניין! דאָס ניט! דאָס קאָן איך נישט טאָן! — טרייסלט זיך אָפּ טאַטאַ, ווי מ'וואָלט אים געוואָלט צוקלעפּן עפּעס אַ מיאוסע זאַך, אָדער גאָר אַרויפוואַרפן אויף זיינע שמאָלע פּלייצעס אַ צו שווערע משאה.

— אָבער, פאַרוואָס טאַטאַ? — וווּנדערט זיך יענער.

— ווייל, ווייל איך קאָן נישט! פאַרנדיק, וועל איך פאַרלירן דעם גאַנצן וועג... כ'וועל פאַטערן אַלץ מיט אַנאַנד!...

— פאַרלירן? וואָס ווילסטו דאָ פאַרלירן? — באַטראַכט אים שוין יענער מיט אַ ליצנות שמייכעלע...

— אַוודאי, אַז מ׳פאָרט מיט אַן אויטאָ, פאַרלירט מען — ברו-אום-בו-אום-בום! טרר! און שוין! איך בין שוין ביי דער סטאַנציע! און די ביימער וואָס באַגלייטן מיר דעם גאַנצן וועג? און די פייגעלעך וואָס זינגען צו מיר נאָכאַנאַנד? און די אַלע מענטשן וואָס איך באַגעגן און באַגריס?...

— עך! — טוט יענער אַ מאַך מיטן האַנט אויפן קאָפּ — אַז מ׳זאָגט אויף דיר... און ער פאָרט האַסטיק אַוועק.

דאָ און דאָרט, אויפן לאַנגן וועג, לויפן צו צו אים עטלעכע קינדער, באַגלייטן אים אַ ביסל, און שמועסן זיך דורך מיט אים:

— טאַטאָ — פרעגט אים קאַרליטאָס, אַ בלאָנדער יאַטל מיט בליציקע אייגעלעך, — האָסט נעכטן געהאַט אַ גוטן טאָג, ס׳איז אמת?

— זייער, זייער אַ גוטן טאָג!

— האָסט אַוודאי אָפּגעפּוצט אַ סך, אַ טוץ פּאָר שיך? — טאַנצט אונטער אויף די שפּיץ פינגער כּואַן-אַנכעל, כּדי צו קוקן טאַטאָן גלייך אין זיינע אויגן אַריין און ער מאַכט דערביי אַ קלוגיטשקע מינע, טוט אַ ווונק מיט זיינע כיטרע אייגעלעך צו דער חברה אַרום — דו האָסט זיכער פאַרדינט אַזאַ אַ פּאַק מיט געלט?

— אַ־האַ־האָ! פולע קעשענעס! — גיט טאַטאָ אַ שטעק אַריין אין זיי זיינעביידע הענט און אַ טרייסל מיט זיי — איר הערט, ווי עס קלינגט? דין! דין! דין!...

— האָסט פאַרדינט איבערן טאָג אַוודאי אַ 12־13 פּעזעס? — פרעגט אים אַ דריטער חברהמאַן.

— יאָ, יאָ! און אפשר נאָך מער! איך וועל אייך אַלעמען מכבד זיין מיט אייזקרעם! יאָ! — טוט אַ שפרונג און אַ טענצל אונטער טאַטאָ פון גרויס שימחה, וואָס ער האָט אַזוי פיל, אַזוי פיל חברימלעך און וואָס אַלע, אַלע מענטשן, סיי גרויס און קליין — אַלע, אַלע, זענען אַזעלכע גוטינקע...

**
*

ווען ס׳רעגנט טוט אָן טאַטאָ זיין אַלטן רעגן־מאַנטל, און די שוואַרצע גלאַנציקע גומענע שטיוול טראָגט ער פאַרוואָרפן איבער די אַקסלען און —קליאָטש־קליאָטש!... קליעטשקען זיינע באָרוועסע פיס אין די קאַלוזשעס וואַסער.

— טאַטאַ — פרעגן אים באַקאַנטע — איצט, אַז דו האָסט זיי שוין באַ־קומען, פאַר וואָס זשע טוסטו זיי נישט אָן, דיינע שטיוול?

— ס׳אַ רחמנות אויף זיי, נעבעך! פאַר וואָס קומט עס זיי, איך זאָל זיי פאַרשמוציקן מיט אָט דער בלאָטע? דו זעסט ווי זיי גלאַנצן? און ער טוט די שטיוול אַ הייב אויף קעגן זיין פנים און ער שפּיגלט זיך אין זייער גלאַנץ...

און ער שפּרייזט און זינגט און טאַראַראַמקעט, ביז ער דערגייט צו דער באַן־סטאַנציע.

דאָרטן, זעצט ער זיך אַוועק אויף זיין שטענדיק ערטעלע, אונטערן דעכל, אין זיין ווינקעלע קעגנאיבער די טרעפּ, פון וואַנען עס לויפן אָן נאָכאַנאַנד די באַן־פּאַסאַזשירן און עס מונטערט שוין זיין קול: „לע לוסטראַ־אָ! וואָס קלינגט אַזוי ווי: „איך שענק אייך פון אַל דאָס גוטס!" און פאַר אַ צולאָג:

„לע פּאַסאָ על טראַ־פּי־טאָ!!!"

**
*

טייל מאָל ווערן אויך טאַטאַס פריילעכע אויגן פאַרצויגן מיט אַ נעפּל פון אומעט. ער טראַכט און ער טראַכט. ער פּלאָנטערט זיך אין אַ פּאַר־קניפּלטן קנויל און ער קאָן בשום אופן נישט צוקומען צו אַ ברעג — ס׳אַ רעטעניש דאָס איז! — האַ? נעמט ער זיך ווידער צו אַ שטייפן קנופּ — וואָס געשעט מיט די אַלע מענטשן, וועלכע לויפן דאָ פאַרביי? וואָס יאָגן זיי זיך אַרום, אַזוי האַסטיקגיך, אָט אַ די דאָזיקע מענער און פרויען אַ גאַנצן טאָג — און אַלע, אַלע טאָג אַהין און אַהער, טרעפּ אַרויף, טרעפּ אַראָפּ. פון באַן און צום באַן, פון קאָלעקטיוו און ווידער צום קאָלעקטיוו — נעבעכקעס! און ווען רוען זיי? און ווי ער וואָלט זיי וועלן פאַרגיטיקן פאַר די אַלע יסורים, וואָס זיי ליידן זיך אָן אין שטענדיקן געלויף, טוט זיך טאַטאַ אַ וועק אויף און טוט אַזאַ לויטערן הילך אַרויס:

„לע לוסטראַ־אָ!" און עס לויכטן אויף זיינע אויגן מיט פרייד און נצחון:

— „אי לע פּאַסאָ" — — —

מיט אַ מאָל איז צוגעפאָרן צום באַן־הויף, זיך אָפּגעשטעלט כמעט לעבן אים, אַ גרויסער גלאַנציקער אויטאָ פון וועלכן ס׳איז אויסגעשטיגן אַ פּאָרל. די פרוי איז געבליבן שטיין אָנגעשפּאַרט אויפן טירל פון אויטאָ און דער מאַן איז צוגעלאָפן צו טאַטאַן, געטאָן אַ שטעל אַרויף אַ שוך אויף זיין

פוץ־קעססטל און אייליק אַ זאָג געטאָן: — טאַטאַ, מאַך עס איינס און צוויי! מאַך עס גיך פּאַרטיק! איך בעט דיר! אייל זיך צו, איך דאַרף פּאָרן — — —

נאָר טאַטאַ שמירט זיך דעם שוואַקס לאַנגזאַם, פאַרזיכטיק און מיט גרויס כוונה, ווי דאָס וואָלט געווען גאָר אַ טייערער זעלטענער מין. נאָכהער פּוצט ער מיטן שמאַטקעלע אַהער און אַהין, פריִער איין שוך, נאָך דעם דעם אַנדערן, ער איז אַזוי אַריינגעטאָן אין זיין מלאכה, ווי נישט בלויז די הענט זיינע וואָלטן געפּוצט די שיך, נאָר אויך זיין האַרץ און מוח. וואָס מער עס צעגלאַנצן זיך די שיך, אַלץ ליכטיקער פינקלען זיך פונאַנדער זיינע גרוי־סע שוואַרצע אויגן; פון אַהער! פון אַהין! אַזוי איבערגעגעבן, געטריי. און ער זינגט זיך אונטער דערביי, מיט נחת און טריומף: — „אי לע פּאַסאַ על טראַפּיטאַ־אַ־אַ״.

— ווייזט אויס, אַז ס׳גייט דיר גוט? — טוט זיך אַ חכמה דער מאַן. — עס זינגט זיך דיר?

— מיר? — הייבט אויף צו אים טאַטאַ, פון בענקעלע אַרויף, אַ פּאָר פריש אויסגעפּוצטע פינקלדיקע אויגן. — מיר, גייט זייער, זייער גוט!

— נו? — רופט אויס די פרוי, וואָס שטייט און וואַרט נעבן אויטאָ. — וואָס דויערט עס אַזוי לאַנג?

— אַז ער — ווייזט אָן דער מאַן אויף טאַטאָן — ער האָט שטענדיק צייט...

— מיר אָבער, האָבן קיין צייט נישט! גיכער! טאַטאַ! מאַך עס שוין גיכער! נו, שויך, נו! — שרייט שוין די פרוי בייז און נערוועזיש...

— מיר גייט זייער, זייער גוט! — זעצט פאָר טאַטאַ פּאַמעלעך זיין איבערגעריסענעם ענטפער.

— עס פעלט דיר טאַקע קיין מאָל גאָרנישט אויס? — קוקט אים אָן דער מאַן מיט אַ פאָרשנדיקן בליק.

— מיר? — טוט טאַטאַ אַ הייב זיינע שפּיציקע דאַרע אַקסלען — מיר? הע־הע־הע, — קוועלט ער אַ גליקלעכער — מיר פעלט גאָרנישט! גאָרנישט!

— איך האָב פון אַלצדינג!

— אַלץ, וואָס איך באַדאַרף!

— האָסטו געהערט? — טוט דער מאַן אַ ווונק צו זיין פרוי — אָט האָסטו אים, קוק אים אָן; איצטער זע איך כאָטש צום ערשטן מאָל, איין גליקלעכן מענטש!...

— יאָ — זאָגט די פּרוי אומעטיק פאַרטראַכט. — מיר יאָגן זיך אַרום, מיר זוכן און זוכן אַ ביסל גליק און — באַטראַכט זי דעם שוכפּוצערס הילך, זיין גאַנצע מערכה... און — אָט ווו ס׳געפינט זיך! — ביי אים!!

און זי ווייזט אָן מיט איר האַנט אויף זיין מוח:

— אָט, ווו עס קעניגט דער מלך גליק!...

ערב ראש השנה
אין קאָלאָניע מאָנטעפיאָרע

מיינע עלטערן
ר׳ בנימין און טייבע שטוקער ז״ל

דער ערב ראש השנה, פלעגט זיך אָנהייבן באַווייזן אין אונדזער קאָלאָ־ניע — מיט פלינקע ליכטיקע קאַלך־טריט...

יעדע קאָלאָניסטישע שטוב, פלעגט אויסגעווייסט ווערן צוויי מאָל אַ יאָר: לכבוד פסח און ראש השנה.

עטלעכע וואָכן פאַר יום־טוב, זענען שוין אויף די רחבותדיקע הויפן געשטאַנען אָנגעשטעלט טיש און בענקלעך, שאַפעס, בעטן און כלערליי שטוב־מכשירים — דאָס פלעגט זיך פאַרציִען לאַנג, מחמת מ׳האָט דאָס נישט געטאָן מיטאַמאָל, מיט געדונגענע הענט, נאָר אַלצדינג אַליין, ביס־לעכווייז. נאָכדעם ווי מ׳האָט שוין געהאַט אויסגעמאָלקן די קי און אָפּגע־פאַרטיקט זיך מיט נאָך אַ טייל וויכטיקע פעלדאַרבעט — פון וועלכע מ׳ציט די חיונה — האָט מען זיך ערשט גענומען צו דער דאָזיקער לוקסוס־אַרבעט... ווייל אין אַ נישט־געקאַלכטער שטוב, קען מען אויך עסן, — אַבי ס׳נאָר דאָ וואָס צו עסן...

טאַטעס, מאַמעס, זין, טעכטער, כמעט אַלע האָבן זיך אויסגעלערנט די קאַלך־קונסט און מ׳פלעגט זיך נאָך דערביי באַמיִען, איבערצושטייגן איינער דעם אַנדערן, מיט געלונגענע איינפאַלן פון מישן פאַרב און שאַפן נייע פאַר־מען און מוסטערן פון ליניעס, זיגזאַגן און בלימעלעך...

האָבן טאַקע דעריבער די קליינע, ביליק געבויטע קאָלאָניסטישע הייזקעס ממש אויפגעלויכטן לכבוד ראש השנה: אויסגעקאַלכטע פון אינעווייניק און פון דרויסן אַרום און אַרום — די העלע ווענט פאַרענדיקט מיט אַן אַנדער

קאַליר־זוים פון אונטן, זיי אַרומגעליאַמעוועט מיט אַ ברייטע סטענגע. די ערדענע דילן אין די חדרים — אויסגעשמירט מיט גוט אויסגעקנאַטענעם פרישן ליים, פאַרהאַרטעוועט און פאַרפאַרבט מיט אַ גלאַנץ־קאַליר, פלעגט עס אויסזען, שיעור, שיעור, ווי היינטיקע פאַרקעט אָדער פּלאַסטיק... און אי־בער דעם פלעגט מען פאַרשפּרייטן שיינע טעפּיכער — ניט חלילה פון פליוש, — נאָר פון פשוטע זעק, קונציק אויסגענייטע מיט פאַרביקע שטיקלעך שטאָפן, מיט קאָלירטע פעדעם — איבער וועלכע, ס'האָבן פלייסיק געאַרבעט שעהן־לאַנג די קאָלאָניסטישע טעכטער...

עטלעכע קאָלאָניסטן האָבן זיך שוין געהאַט „אַרויפגעאַרבעט" אויף פאַלן פון ציגל — פלעגט מען זיי אויף יום־טוב באַנייען, מיט פרישן רויטן פאַרב איבערשמירן און אַ פּאָר האָבן שוין אַפילו געהאַט אָפּגעשפּאָרט אַ הילצערן פּאָל אין שלאָף־צימער: — „מאַלע, וואָס אַ גביר אַדיר קאָן זיך פאַרגינען"...

אין יעדער שטוב איז אַן — איבערקערעניש.

מ'סקראָבעט די ווענט, מען קאַלכט, מ'שייערט, מ'רייבט און מ'וואַשט:

— ס'איז ערב ראש השנה!

איציק, אַ יונגער יאַט, רייט־אָן, גאַלאָפּירנדיק אויף זיין „סיינאָ" און פונקט לויפט אים אָן אַנטקעגן די פאַרטנערן פון זיין איצטיק ראָל — רבקהלע:

— האַלאָ!

— האַלאָ!

וואָס לויפסטו אַזאַ פאַרסאָפּעטע?

— זעסט נישט? ווייזט זי אים אַ באַזאָרגטע, די האַלב אויסגעקראַכע־נע באַרשט אין איר האַנט — כ'האַלט אין מיטן קאַלכן און ס'פאַלן אַרויס פלאַכטעס האָר, — קלעפּן זיך צו צו די ווענט — פּטרן מיר אַוועק אינגאַנצן!...

— נו? — קוקט ער זי אָן מיט גרויס מיטגעפיל.

— לויף איך צום שכן, אפשר וועט דאָס חיים קאָנען פאַרדראַטעוועון?

— רבקה, מירן זיך טרעפן אין אָוונט ביי די פּראָבן?

— ביסט חסדר דעה?!... טו אַ קוק וואָס עס טוט זיך ביי אונדז אויפן הויף!...

— וועלן מיר היינט נישט האָבן קיין רעפּעטיציע? צו דער פאַרשטעלונג

פעלט שוין נישט מער ווי איין מאָנאַט! און מיר זענען נאָך אין גאַנצן רוי
— אַזוי ווי ביים אָנהייב...

— נו, איז וואָס? — לאַכט רבקהלע, — האָסט שוין פאַרגעסן? פאַר אַ יאָרן איז אויך געווען אַזוי, האָבן מיר געהאַט אַ קליינעם דערפאָלג? די עטלעכע טעג — מוז מען דורכלאָזן: ס'איז ערב ראש השנה!...

—נו, און גאָלדע?

— וואָס גאָלדע?

— דו האָסט שוין אָפּגערעדט מיט גאָלדען? זי איז אויך מסכים אויף דעם, אַז מיר זאָלן אַריבערהיפּן די היינטיקע פּראָבע?

— וואָדען? ביי זיי איז אויך ערב יום־טוב... און וואָס וווּנדערסטו זיך אַזוי?

— מיר איז אַ חידוש ווייל, ווייל גאָלדע האָט דאָך אויסצופירן אַזאַ שווערע אחריותדיקע ראָל — די הויפּט־ראָל!

— ס'אַ נייעס? ווען האָט זי נישט די הויפּט־ראָל?

— הערסטו? — שמייכלט רבקהלע, און אירע גרויסע שוואַרצע אויגן שעמערירן פולע מיט זון.

— איציק:

לאָמיר שוין זיין אַזוי באַוואָרנט מיט אַלעמען — ווי איך בין זיכער — אין גאָלדעס דערפאָלג!...

— געדענק, אויב מיר וועלן האָבן אַ דורכפאַל — וועלן די מיידלעך זיין די שולדיקע!

— אַוודאי, וואָס גייט עס אָן אייך די בחורים — ווי אַזוי די שטוב וועט אויסזען ראש השנה...

די קינדערלעך אין שול, נאָכן לערנען, לויפן באַלד אַוועק, מ'איילט זיך אַהיים.

— בערעלע, — בעט זיך ביי אים יאָסעלע, — קום, לאָמיר זיך שפּילן כאָטש איין מאָל אין קייקעלעך! איין וואָרף! איין קאָנעלע!...

— ניין! איך קאָן נישט. — איך האָב צוגעזאָגט טאַטע־מאַמע, איך מוז העלפן אַריינטראָגן די זאַכן אין שטוב אַריין — ס'איז ערב ראש השנה!

די באַלעבאָסטעס, וואָס קומען איינקויפן אין דער קאָאָפּעראַטיווע, האַלטן אין איין יאָגן די פאַר אָנגעשטעלטע:

— סענדער, סענדערקע, לאָז אָפּ איצט דיינע חכמהלעך! חברה, האָט

רחמנות! גיכער! איר ווייסט וואָס ס'וואַרט נאָך אויף אונדז! ס'דאַרף אַלץ אינדרויסן! און אַט־אַט־אַט איז שוין — ראש השנה!...

די קאַלאַניסטן, וועלכע פאָרן זיך אָן אויפן ברייטן קאָאָפּעראַטיווע־הויף מיט זייערע „סולקיס" און „וואָלאַנטעס" באַגריסן זיך שוין באַצייטנס מיט אַ: „גוט־יום־טוב! גוט־יאָר! לשנה טובה"...

— אָ! וואָס הערט זיך ביי דיר לייזער? פאַראַן פּאַשע? — באַגעגנט אים זיין לאַנדסמאַן אָשר — מיט דער אַנגעברענטער שטענדיקער שאלה...

— אָט אַזוי זיך, ווי ביי אַלעמען, מ'וואַרפט זיך מיט די בהמות פון איין „פּאָטרעראַ" אין דער אַנדערער — מ'פּרוווט זיך אַלץ.

— און וואָס טראַכטסטו צו פאַרזייען איצטער?

— איצטער? איז קודם־כל ערב ראש השנה! לאָזט זיך נישט לייזער פּראַימאָוויטש — אַ ייד אַ ירא שמים — אַריינפּלאָנטערן זיך אין אַ לאַנגן שמועס און ער טוט זיך אַ ריס פון אָרט: — זיי געזונט! האָב אַ גוט יאָר!

— וואַרט! וואַרט צו אַ ווײַלע, וואָס אַנטלויפסטו? קוים וואָס מ'טרעפט זיך איינמאָל אין אַ —

אַזוי? למאי איך אַנטלויף?... טוט לייזער אויף אים אַ וואָרף אַ שאַרפן בליק — איך זאָל דאָ שטיין און פּלאַפּלען און מיין ווייב און מיינע קינדער זאָלן — זיך טאַסקען מיט דער גאַנצער באַלעבאַטישקייט? — דו האָסט עס אַפּנים אַפילו נישט אינזינען? ס'איז דאָך ערב ראש השנה!...

***

זיך העצקענענדיק אויף אַ גרינג פורל פאָרט אַריין אין קאָאָפּעראַטיוו־הויף הערשל סינאַי, זיין קלאָר ווייסע העמד מיטן אָפּגעלייגטן קאַלנער אַרום האַלדז, מאַכט אויסזען נאָך יינגער זיין גוטמוטיק צעשמייכלטן פּנים.

בעת, ער נעמט צובינדן דאָס פערד צו אַ סלופּ, דערנענטערט זיך צו אים אַן אַלטער, פעסט איינגעפונדעוועטער קאָלאָניסט מיט אַ פאַרביסן קלוגיטשקן געלעכטערל:

— אָ! ברוך הבא! ביסט שוין ווידער דאָ? האָסט דאָך ערשט יענע וואָך איינגעקויפט אַ פולע פור מיט עסנוואַרג? הע־הע! מסתם האָט דאָס שוין ווידער געפּאַטערט דער היישעריק?...

— היישעריק? גיסט אים אָפּ סינאַי מיט אַ ווייסן שפּריץ פון זיינע גרויסע לאַכנדיקע אויגן.

— נו, יאָ, הע־הע! דו ווייסט שוין וועמען איך מיין... די... די טרעאַ־

טער־שפּילער! וואָס דו און דיין וויבל טענטלען זיך מיט זיי אַזוי שטאַרק... וואָסי? באשר דו און זי, דיין רחלע, שפּילן אויך, — דאַרפט איר דעריבער אַריינלאָזן צו זיך אַזאַ כאַלאַסטרע? מ׳דערציילט זיך אַן, אַז ביי יעדער רעפּע־טיציע עסן זיי אייך אָפּ —

— זאָל זיי ווויל באַקומען! בלאַסקען אויף הערשלס ציין אין זייער גאַנצער ברייט, ס׳אַ טייערע יונגוואַרג! אַ לעבן אויף זיי!

— אַזוי גאָר?! הע־הע! נו, און תכלית?

— דער בעסטער תכלית! נאָך יעדער טעאַטער פאָרשטעלונג, קויפט מען איין, נייע ביכער פאַר דער ביבליאָטעק, מ׳שיקט אַוועק אַ היבשע סומע פאַרן קרן־קימת און מ׳איז ממשיך —

— הע!? וואָס אַ גרינער קען זיך דאָס אַלץ דערלויבן!... דוכט זיך מיר, אַז דו ווייסט נאָך אַלץ נישט, אַז דאָ מוז מען לעבן זייער און זייער שפּאָר־זאַם... אָפּהיטן יעדן סענט, נישט צעשאַשטשען! — אַזוי ווי איך האָב עס געטאָן דורך די אַלע יאָרן. דו דאַרפסט אַ פּר׳ער זיך אַליין פאַרזאָרגן, דו דאַרפסט שפּאָרן און שפּאָרן פון אַלץ און פון אַלעמען!...

— דו דאַרפסט —

—— יאָ, איך דאַרף! און סינאַי האָט אַרויסגענומען פון זיין פּורל צוויי גרויסע ליידיקע קעסטלעך און אַ האָפּערדיקער זיי אַ הייב געטאָן, קעגן איבער דעם בעל־עצה׳ס פאַרביטערטע, צעחושטע בליקן:

— יאָ, איך דאַרף! איך דאַרף זיי איצט אָנפּילן! מ׳האָט היי־יאָר אַראָפּ־געבראַכט אין דער קאָאָפּעראַטיווע פון אַלדאָס גוטס. קומט, וועט איר ווידער זען, וואָס איך קויף אַלץ איין אויף ראש השנה!...

אין דער שטוב פון דער גרעסטער הויזגעזינד — צוויי טעכטערלעך און זעקס זין — רוט נישט די ניי־מאַשין. קיין עין־הרע נישט! אַזאַ חבריה! יעדן איינעם, מיט אַ מלבושל באַנייען. נאָר נישקשה, די אויסגעפּרוווטע קאָלאָניסטקע יהודית, גיט זיך אויך אַן עצה מיט דער „שניידעריי". עטלעכע וואָכן פאַר יום־טוב, איז שוין באַלייגט דער טיש און די בענקלעך מיט פאַרשיידענע שטיקלעך סחורה, — וואָס זי קויפט איין ביי יעדער געלעגנ־הייט, ווען זי פאָרט אין קאָאָפּעראַטיווע אָדער אין שטאָט. אָבי ס׳איז איר נאָר עפּעס געפעלן — קוקט זי נישט אויפן פּרייז — און הייסט זיך באַלד אָפּשניידן — מיט אַ הנאה שמייכל: פאַר די קינדערלעך, אַ מתנה אויף ראש־השנה!

און פונקט אַזוי ווי זי איז ביים קאָכן און באַקן אַ פלינקע באַלעבאָסטע,

און עס ברענט אונטער אירע הענט — אַזוי איז זי געלאָסן און געדולדיק ביי דעם געניי.

— איין טעותדיקער שניט — לערנט זי איר עלצטע טאָכטער גיטעלע, וואָס העלפט איר צו דערביי — קען אָנמאַכן אַ גרויסן היזוק, איין איבעריקער שטעפּ, גזלט אַוועק אַן אַ שיעור צייט, כדי עס אויפצוטרענען צוריק...

גייט זי אַרום מיטן לאַנגן סינטימעטער אויף זיך, פּאַרזיכטיק מעסט זי אָפּ און חשבונט אויס גענוי — איידער זי שניידט עפּעס צו. עס ליגן אויפן טיש אַלערליי אויסגעשניטענע פּאַפּיר־מאָדעלן, וואָס זי האָט זאָרג־פעלטיק אָנגעקליבן אין משך פון יאָרן.

— מאַמע, וווּנדערט זיך גיטעלע אויף איר מאַמעס געניטשאַפט, דו, האָסט זיך אַמאָל געלערנט די מלאכה פון נייען?

— די קאָלאָניזאַציע, מיין קינד, לערנט דאָ אויס אַלצדינג... דו זעסטאָך, כמעט אַלע מאַמעס און טעכטער, נייען זיך אויף אַליין, אַלץ וואָס מ׳דאַרף האָבן פאַר דער גאַנצער משפחה...

ביסלעכווייז, פאַרשווינדן די שטאָפן און עס הורבען זיך אָן אויף די בענקלעך בערגלעך: הייזעלעך, בלוזקעלעך, אויבערהעמדער פאַר די אונטער־וואַקסנדיקע זין, אַפילו אונטערוועש, שוין צום פרעסן גרייט.

און אַט איז שוין אויך פאַרטיק, גיטעלעס לאַנג געגאַרטע קלייד, פון בלוילעך גרינעם סאַמעט. אַט, מעסט זי זיך עס אָן: זי שטייט אַנטקעגן דעם שמאָלן שפּיגל פון דער קליידער־שאַפע און מיט פלאַטערנדיקע הענט פאַר־שפּילעט זי, די לאַנגע שורה דורכזיכטיקע קנעפּ. דורכן אָפענעם פענצטער, כאַפּן זיך אַריין אַ כאַפּטע נייגעריקע שטראַלן, מיט זייערע זוניקע ליפּן פאַלן זיי צו צו דעם טייערן שטאָף. זיי ציטערן איבער דעם און קושן עס אויס, פליעסקענדיק נאָכאַנאַנד:

— בראַוואָ! אַזוינס, זעען מיר דאָ צום ערשטן מאָל!

גיטעלע, קוקט זיך אָן אין שפּיגל, און איר זעכצן־יאָריק קול, טרילערט אַרויס מיט אַנטציקונג:

— מאַמעלע! ס׳איז דאָך עפּעס אַזוי־אַזוי שיין! און אירע הענט טוען זיך אַ וויקל אַרום דער מאַמען — אַך! ווי עס פּאַסט מיר!...

די פרימאָרגן־שטראַלן, שפּיגלען זיך אין אירע אויגן — פונעם זעלבן בלוי־גרין קאָליר, אַזוי ווי, דאָס יונג, צעבליטע „אַלפאַלפאַ“־פעלד נאָך אַ רעגן.

— מיין קינד, דאָס מזל זאָל דיר אַזוי שיינען! פינקלען אויף זוניקע

טרערן אין דער מאַמעס־טיף אַריינגעזעצטע אויגן. מיט באַשטאַרלטע פינגער, גלעט זי אויס דאָס גאַנצע קלייד.

— טאַכטערקע: טראָג עס געזונטיקערהייט! און דערביי, פילן זיך אָן מיט נחת, ביידע קנייטשעלעך אַרום איר מויל. זי שטייט און קוקט אַ פונאַנ־געשמייכלטע און עס פליסן מילדע מאַמערייד, פונעם קוואַל פון ליבשאַפט און אמונה:

— נישקשה, אַ קאַלאַניסטישע טאַכטער, מעג זיך אויך פאַרגינען אָנטאָן זיך לייטיש! — וועט מירצעשעם אויף דעם חשבון — נאָך אַ קעלבעלע געבוירן ווערן!...

און עס שפּילן אויף, אַלע חנען אויף גיטעלעס פּנים:

— אַ יאָ? מאַמעלע, כ׳וועל עס באַנייען אויף ראש־השנה...

***

מיט וואָכן פריִער, הויבט שוין אָן מיין טאַטע צוגרייטן מיינע ברידער נחמיה און אברהמל, זיי זאָלן אים העלפן — און דער עיקר זיך אַליין — צו זיין שליחות פון אַ בעל־תפילה. יעדן אָוונט טראָגן זיך פונאַנדער, פון אונדזער שטוב אַרויס, צעקלונגענע, מיט דבקות אַרויסגעזונגענע תפילה־ניגונים.

— נו! — ווינקט דער טאַטע צו די ברידער און מונטערט זיי נאָכ־אַנאַנד: האַלט אָן!... האַלט אָן — דעם טאָן!

— איך טו אַ פלעכט אַריין מיין קול אין דעם טאַטנס: „י־ע־ע־לה! תחנונינו״...

דעם טאַטנס, טונקל ברוינע, גרויסע אויגן צעפינקלען זיך פון שימחה.

— נו?! — ווענדעט ער זיך צו דער מאַמע — ביסט אַ מבין? דווקא זי, די קליינע! ס׳אַ קולכל! כאַטש נעם איר צום עמוד! און זיי — די בחורים...

— אויך מיר אַ דאגה! — ענטפערט די מאַמע, איך בין צופרידן, וואָס זיי זענען גוטע קאָלאָניסטן!!!

און אָט איז געקומען צו אונדז פון אייראָפּע, דעם טאַטנס אַ ברודערס אַ זון, ברוך שטוקער, מיט אַ געהער און אַ גוטע שטימע און אַ חוש פאַר נגי־נה — און ס׳קומט אויך אַריין אָפּט מאָל, אונדזער בן־עיר, מיין צוקונפטיקער חתן ברוך פּאַיוק, און ער ניגונט אַריין אין די תפילות — זיין געפילפול קול — דער טאַטע דערפילט זיך מונטערער, זיכערער, ער האָט שוין ב״ה אַ גאַנצן כאָר מיט משוררים!...

אונדזער שכנה „די באָבע״ ווי מיר רופן זי, וועלכע צעבייט שוין דעם

לעצטן צענדליק פון אַ מאה און גייט נאָך אַזוי גלייך, הויך און ברייטפּלייצ־ציק, קומט אַריין צו אונדז יעדן אָוונט, זעצט זיך אַוועק אין אַ ווינקעלע און הערט זיך צו אַ פּאַרגאַפטע:

— הערט איר „טוביע״, טוט זי אַ טאָרע מיין מאַמען דערגעבן — ביי אונדז אין כערסאָן האָב איך אַזעלכס נישט געהערט; אַי־אַי; אַי־אַי! די ליטוואַקעס! וואָס זיי קאָנען דאָס אַלץ! און עס שאָקלט זיך הין־הער, דער זקנהס קאָפּ, ווי דער אומרו פון אַ פּאַרציטיקן זייגער: אַי־אַי! אַי־אַי! אַזאַ מתיקות! אַזאַ אַי־אַי!...

שוין! גאָט צו דאַנקען! אַריינגעפירט דעם יום־טוב אין שטוב אַריין! די טעמ׳יקע ריחות פון כלערליי היימישע געבעקסן און יום־טובדיקע מאכלים —פאַרשמעקן די לופט!

דער טאַטע האָט זיך מקדים געווען און ווי אַלע יאָר — פאַר־פרי אַוועק אין שיל. די מאַמע, די פאַרהאָרעוועטע אשת־חיל פאָרעט זיך נאָך אַרום דער ווירטשאַפט.

— מאַמע, די זון זעצט זיך שוין, גיי טו זיך איבער, בענטש ליכט! — בעט איך זיך ביי איר — איך וועל שוין אַליין פאַרענדיקן. — איין רגעלע נאָך — לויפט די מאַמע הין־הער — כ׳וועל אַ קוק טאָן ביי די קוואָקעס און שוין, טאָכטערקע...

מיטאַמאָל, קומען אָן ביידע ברידער פון פעלד, דער עלטערער טראָגט אַ קעלבעלע אויף די הענט און דער ייִנגערער פירט אַ וואַקלדיקע קו.

— זי האָט זיך קוים אָפּגעקעלבט — דערציילן די ברידער.

דאָס אייטער איז אָנגעפולט — צום פּלאַצן! די דיקעס — שטייף ווי שטיינער, מ׳מוז שוין אָפּציִען די „מאָלאָדזאָווע״, כדי דאָס שוואַכע קעלבעלע, זאָל נאַכהער קענען זויגן פון די ווייך געוואָרענע דיקעס.

— יאָ; אמת קינדערלעך! שוין! — און די מאַמע טוט זיך אַ פאַר־שפּרייט אַרום און אַרום דעם פאַרטוך און זי מעלקט שוין אין בלעך אַריין.

— מאַמע! גיי! איך וועל עס טאָן! איך! איך! איך! איך! גיי טו זיך איבער; ס׳שפּעט! פּרווון איר איבערצייגן די ברידער.

— ניין, מיינע זינדעלעך, גייט איר!... וואַשט זיך אַרום, טוט זיך איבער און גייט איר שיל אַריין, איך מאַך עס באַלד — אין עטלעכע מינוט...

עמיצער רופט ביים אַריינגאַנג־טויערל, פאַטשנדיק מיט ביידע הענט, איך לויף צו, ס׳איז אונדזער אַ ווייטערער שכן, יעקב, ער פרעגט ביי מיר:

— טאַטע־מאַמע שוין אַוועק אין שיל? אויב ניט — וועלן מיר גיין צוזאַמען.

— דער טאַטע יאָ! נאָר — הייב איך אָן צו שטאַמלען — די מאַמע נאָך נישט, אַ קו האָט זיך פונקט איצט אין אָט דער רגע אָפּגעקעלבט און —

— אַוודאי, טוט יעקב אַ צווײדײטיקן שמייכל — דיין טאַטע האָט זיך אויף וועמען צו פאַרלאָזן!...

— ס׳געבוירן געוואָרן אַ שוואַך קעלבעלע, פרווו איך זיך פאַרענטפערן, און ס׳טוט מיר אַ שטאָך, הלמאי ער צילט אָנצורירן דעם כבוד פון מיין טאַטן דעם תלמיד־חכם. — דער טאַטע מוז זיך דאָך מכין זיין! ער איז דאָך אַ שליח־ציבור!

און אָט דערזע איך, ווי עס דערנענטערט זיך, שפּרייזנדיק בנעימות אין שיל אַריין יהושע סוקאַצקי און ביי זיין זייט — זיין פּלוניתטע מיט אַן אויס־געררוטן פּנים, אויף וועלכן ס׳איז נישט קענטיק אַפילו די מידקייט פון די אָפּגעגאַנגענע צוויי קילאָמעטער...

— די מאַמע, נאָך נישט אַוועק? פרעגט זי מיט אַ טאָן פון אַ פּריצה, וועלכע פאַרמאָגט אַ סך גיטער — און זיי גייען זיך אַוועק געמיטלעך און לאַנגזאַם, ווי אויף אַ שפּאַציר נאָך אָנדערטהאַלבן קילאָמעטער ביזן שיל.

— מאַמע! לויף איך צום קאַראַל, לאָז! איכל פאַרענדיקן ס׳מעלקן! יהושע און זיין ווייב — אַן אויסגעפּוצטע מיט אַלע פּיטשיוווקעס — איז שוין אַוועק און דו זיצט נאָך אין קאַראַל, ס׳איז דאָך שוין באַלד יום־טוב!...

— די מאַמע ,טוט אויף מיר אַ זייטיקן קוק:

— און אַז ניט יום־טוב — גייט זי דען אַ מאָל יאָ אין קאַראַל?...

— ניין, מורמל איך אַ פאַרשולדיקטע — ביי זיי איז אַ שטוב מיט דער־וואַקסענע קינדער. עטלעכע טעכטער...

— און איר מאַן, איז מוסיף די מאַמע, איז אַ האָרעפּאַשנער פון שטענ־דיק־אָן!...

**
*

— שוין! די מאַמע טוט שוין אָן דאָס יום־טובדיקע קלייד, מיטן בלויען קעלנערל אַרום האַלדז — ערשט איצט דערזע איך מיין מאַמעס פּנים:

וואָס פאַר אַ איידעלע שטריכן! וואָס פאַר אַ ווייסע ראָזעווע הויט! און ווי לויטער בלוי זענען אירע אויגן! עס לויכט פון זיי אַרויס, דאָס גוטסקייט פון איר האַרץ, איר מסירת נפש — צו אַלץ און אַלעמען.

מ׳פּאַטשט אין דרויסן — איך לויף אַרויס — ביים טויערל שטייען צעשמייכלטע אונדזערע ווייטערע שכנים, וועלכע גייען דורך גאַנצע פינף קילאָמעטער ביזן שיל.

— אַ גוט־יום־טוב דיר „מאַסיע״, באַגריסן זיך מיט מיר אַהרן ערוכי־מאָוויטש, איינער פון די פּיאָנערן, פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין אַר־גענטינע. מיט זיין פרוי יהודית, וועלכע טראָגט אויף זיך דעם עול פון „אַ משפחה זאַלבעצענט״ — טאַטע־מאַמע שוין אוועק?

— דער טאַטע יאָ, די מאַמע טוט זיך אָן.

— זייער גוט! — בלייבט שטיין אַהרן, אַ פעסטער ווי אַ דעמב און פון זיין פּנים שיינט אַראָפּ דאָס פּשטות און ערלעכקייט — אַ ירושה פון דורות יידישע פּויערים.

— זייער פיין! „מאַסיע״, — שמייכלט ער אַ גליקלעכער, און זיין יעדער וואָרט טריפט מיט גוטסקייט און געטריישאַפט, זאָל די מאַמע זיך נישט אײַלן! מירן דאָ וואַרטן אויף איר! וועלן מיר גיין אין איינעם אין שיל. אויב אַפילו מירן קומען אַ מינוט שפּעטער — וועט דער אויבערשטער אויף אונדז נישט פאַראיבל האָבן — הע־הע... און ער טוט אַ זיפץ אַרויס, מיט אויפריכטיקער התפעלות:

— ע־עך! אַפילו ביי אונדזערע כערסאָנער קאָלאָניסטן — האָב איך נישט אָנגעטראָפן אַזאַ בריה ווי דיין מאַמע!...

***

— אַ גוט־יום־טוב! אַ גוט־יאָר! לשנה טובה תכתבו! לשנה טובה: און עס לאָזן זיך אַלע יידן אַרויס פון שיל שפּרייזנדיק, גרופּעסווייז איב־איינעם צו זיך אַ היים. אויפן וועג, טרעט מען אָפּ אויף אַ לחיים־כיבוד, אין יעדן הויז — ווו מ׳גייט נאָך פאַרביי... מ׳געזעגנט זיך, ווינטשנדיק איינער דעם אַנדערן, אַלדאָס גוטס: לשנה טובה! לשנה טובה!

וואָס ווייטער עס שפּרייזן די קאָלאָניסטן אַ היים — אַלץ שיטערער, ווייניקער ווערן זיי — און אַלץ שטילער, באַהאַרצטער, מיט מערער בענק־שאַפט זייער ווינטשעווען:

— לשנה טובה! שנה טובה!... ש־ש־ש! שנה טובה! שושקען נאָך די אַלפאַלפאַ־פעלדער ביים ברעג — ש־ש־ש! שנה טובה! שאָקלען צו די „פּאַראַיסן״־ביימער, אויף די עטלעכע קילאָמעטער־לאַנגן וועג, ש־ש־שנה טובה! לשנה־טובה!!!

ביכער פון זעלבן מחבר

קינדערלעך, בוענאָס איירעס 1948

זינגענדיק, בוענאָס איירעס 1951

פאַרביקע כוואַליעס, בוענאָס איירעס 1954

גוט יום טוב, בוענאָס איירעס 1957

דער צויבערבוים, בוענאָס איירעס 1961

כלניות, בוענאָס איירעס 1964

אינהאַלט:

צו דיר	7
בוים פון כל־טוב	8
קפיצת החיים	10
מיין בערגל מאַן	11
דיין טלית	12
קדיש	13
טרייסט	14
טרויערברויט	15
נאָך שבעה	16
פאַרוואָס	17
תחית האָב	19
שאַרפע רייד	20
מיין חוב	21
זאָרגן	22
דיין ארון	23
דיין בילד	24
בוים פון ליבשאַפט	25
מיינע זוניקע זיך	26
טעכטערלעך	27
איר אויך	28
די חתונה	29
טאַטעטריט	31
אדם קרוב לעצמו	32
פאַרזאָרגער	34
נישטאָ	35
דיין רצון	36
צעשפאָלטן	37
מיין מלך	38
טאַטע	39
אַהיים	41
מיין מאָרגן	42
מאַיעסטעט לעבן	43
אלמנהשאַפט	44
אלמנה	45
„עולם כמנהגו"	46
דער לוח	47
ברידער און שוועסטער	48
אַ זיידע	50
ערשטער ראש השנה	51
ווער וואַרט?	52
שטורעם־נאַכט	53
פונדעסטוועגן	54
ווי אויפן בילד	55
טרויערטראָן	56
אלמנות	57
אַ גרוס	58
טרויער־אַרמיי	59
כולו־נס	60
בלומען	62
נישט דו	63
דיין זייגער	64
מיין בריק	65
אַ פינפטע ראָד	66
נאָך אַ קללה	67
פרילינג אויפן בית־עולם	68
דיין מאָנומענט	69
חלום־הויז	70
די סדרים	71
בריוו	72
ברוך־בילד	73

פאַר דיר אַליין — — — — — — 74
זומער — — — — — — — — — 75
פלא־אַפּאַראַט — — — — — — — 76
שוין?... — — — — — — — — — 77
מחותנים — — — — — — — — 78
דיין ליכטיק געוועב — — — — — 79
אין פיינקעלער — — — — — — — 80
וויטיקווין — — — — — — — 81
גוטמאָרגן — — — — — — — — 82
דיין זמר — — — — — — — — 83
צו זשעקעלין קענעדי — — — — 84

בענקשאַפט

בענקשאַפט — — — — — — — — 87
צו מיין חתן — — — — — — — 88
דער מרחק — — — — — — — — 91
דיינע וויינטרויבן — — — — — 92
פּאָעמען — — — — — — — — 94
ליבגעצעלט — — — — — — — 95
שטראַל און רויז — — — — — — 96
זיווג־בלום — — — — — — — 97
מיין טאָג — ווער אַ בוים! — 99
מיין בילד — — — — — — — 102
פון אַ שטיין — — — — — — — 103
הנשמה לך והגוף — — — — — 104
בילדער — — — — — — — — 106
בן־אדם — — — — — — — — 107
מחשבות — — — — — — — — 108
מיין סנה — — — — — — — — 109
איך שייל — — — — — — — — 110
ביים אָנהייב — — — — — — — 111
גרונט פון מיין ים... — — — — 112
ס'איז קאַלט — — — — — — — 114
יִדיש־סאָד — — — — — — — —116
איידלשטיין — — — — — — — 119

דערציילונגען

כרחם אָב — — — — — — — — 121
מאַמע? טאָכטער? — — — — — — 128
אַ גביר — — — — — — — — — 132
לעבן — — — — — — — — — 140
גליק — — — — — — — — — 147
ערב ראש השנה — — — — —154

Impreso en la Argentina
Printed in Argentine
© by
M. STUKER PAIUK
Buenos Aires

Hecho el depósito que marca la Ley.
INDUSTRIA ARGENTINA

Este libro se terminó de imprimir el día 18 de marzo de 1966 en los Talleres Gráficos "Zlotopioro Hnos." S. R. L., San Luis 3149, Buenos Aires.

MARTHA STUKER PAIUK

A TI

(TZU DIR)

★

BUENOS AIRES
1 9 6 6